**Chavrusa A:** יא, זעסט, ער ברענגט נישט דא די מקורות ציונים פון שערי ציון, אז אין די מנין המצוות פון די אקדמות וואס זיי האבן געזאגט שטייט יא, "ללמוד וללמד". איך ווייס נישט וואס דאס האט מיט'ן מנין המצוות. יא, וואס מיר האבן געדענקט דא, איך געדענק נישט, איך האב געזען אין ספר המצוות. אהה, זעסט, אין מנין המצוות שטייט "ללמוד תורה וללמדה". סאו ס'קען זיין אז מ'קען נישט מדרג זיין, אבער ס'איז נישט געמאכט פאר אן עקסטערע מצוה, דאס זיכער נישט. ס'איז איין מצוה.

**Chavrusa B:** אהה, אויב דאס איז וואס דו האסט געוואלט זאגן, יא.

**חידוש: די צוויי מצוות פון תלמוד תורה אלס פאראלעל צו יסודי התורה און דעות**

**Chavrusa A:** איך האב אויך געטראכט, איך מיין איך האב עס שוין געזאגט נעכטן, אז ס'קען זיין אז די צוויי הערות, די צוויי מצוות פון תלמוד תורה, זענען ממש בחינה פון גנאי ודאי, יסודי התורה און הלכות דעות. פון ללמוד תורה, וואס מ'זאל לערנען א חלק פון די תורה, איז אוודאי די מעשה בראשית און מעשה מרכבה, וואס איז איינע פון די חלקים פון תלמוד תורה, די ידיעה אליינס.

און נאכדעם די הנהגות וויאזוי מ'פירט זיך מיט די לימוד, כבוד תלמידי חכמים. קען זיין אז די תלמידי חכמים דארף מען אליינס רעספעקטירן, אז זיי האבן געלערנט פריער די הלכות דעות. ס'איז אויך א פארט פון די חובות פון די דעות וואס דו רעדסט, איז אויך דא א חיוב פון תלמידי חכמים.

**חידוש: כבוד תלמידי חכמים אלס תנאי אין לערנען**

**Chavrusa A:** איך האב אויך געטראכט אז ס'קען אויך זיין אז די מכבד זיין איז נאר אזוי ווי א תנאי אין לערנען, אז דו זאלסט נעמען געגוג ערנסט די לערנען מיט א גוטע שיעור וואס דו לערנסט פון אים. איך מיין אז אין מורה נבוכים זאגט דער רמב"ם אז די ריזן פארוואס דו דארפסט מכבד זיין תלמידי חכמים איז אזוי ווי דו זאגסט, אז כדי דורכדעם נעמט מען זיי ערנסט און מ'לערנט פון זיי.

**Chavrusa B:** אקעי. יא.

**פרק א' הלכה א': ווער איז פטור פון תלמוד תורה**

סאו מיר לערנען פרק א'. זאגט דער רמב"ם, וואס איז די חיוב פון ללמוד תורה? זאגט דער רמב"ם אין די ערשטע הלכה, **"נשים ועבדים וקטנים פטורים מתלמוד תורה"**. ווער איז פטור? נשים ועבדים, פטורים מתלמוד תורה.

**דיסקוסיע: דער סטאטוס פון קטנים — פטור אבער חיוב אויפ'ן טאטע**

**Chavrusa A:** איך מיין דער סוף פון דעם פרק רעדט דער רמב"ם נאכאמאל וועגן וואס איז דער פטור פון תלמוד תורה פון נשים? זענען ממש פטור פון אלעס? זענען פטור פון רוב זאכן? לכאורה, לכאורה דער ריזן פארוואס האסטו חנוך איז אזוי ווי אלע מצוות. אבער א קטן וואס גיט דרך כלל א היתר איז נאך נישט חייב במצוות, אבער עס איז שוין יא דא א חיוב אים צו לערנען מיט אים תורה. לכאורה, לכאורה א חיוב חינוך איז אזוי ווי אלע מצוות...

**Chavrusa B:** אהה, א חיוב אויף די טאטע, אמשאזוי.

**Chavrusa A:** א קטן אבער חייב ללמוד תורה, דא א חיוב אויף די טאטע! עס טייטשט אפילו דער קטן אליין האט נאך נישט קיין חיובים, אבער עס איז דא א חובה אויף די טאטע, אז אפילו דאס קינד איז נאך קליין, שוין "ולמדתם אותם את בניכם לדבר בם". פון ווי ווייסט מען מיט א קטן? לכאורה בפשטות, ווייל א גדול איז שוין א מענטש פאר זיך. דאס הייסט ווען דער טאטע זאגט "קום לערנען" און דאס קינד קומט, דעמאלטס איז ער ווערן א קטן. איך ווערן דא גיין דערמאנט אין "ולמדתם אותם את בניכם".

**חידוש: חיוב חינוך שטאמט אפשר פון "ולמדתם אותם את בניכם"**

**Chavrusa A:** איך טראכט אפשר מען קען טראכטן אז די גאנצע מקור פון חיוב חינוך איז אפשר קומען פון דא. דאס הייסט ווען מען נעמט אים "ולמדתם אותם את בניכם" און מחנך במצוות, עס איז אויך א פארט פון דאס וואס די תורה זאגט, און פאר דעם עס פארשטייט פארוואס ער האט אנגעהויבן מיט ווער עס איז פטור. א גאמ"א נשים, עבדים, און געוועונליך די דריטע אין די גרופעס: קטנים זענען פטור... קטנים זענען נישט אינגאנצען פטור, דאס הייסט אליין מצד עצמו אפשר זיין פטור, אבער דער טאטע האט א חיוב אויסצולערנען פאר זיי אפילו ווען ער איז קליין, אזוי ווי עס שטייט "ולמדתם אותם את בניכם".

**דיסקוסיע: אונטערשייד צווישן חינוך און תלמוד תורה**

**Chavrusa B:** נאר וויסן, ווייל חינוך איז נישט א מצוה פון אויסלערנען עפעס, נאר איז א מצוה פון טון מיט אים די מצוה. או, איך מיין אז דאס טוט אים אריין גרויס וואס זיין א מורגל אין טון, ס'איז א סאך לימיט. ס'איז מסתם די זעלבע, אז עס איז די זעלבע סיבה, פארוואס... אז עס דריקט צייט "ולמדתם אותם את בניכם" דאס קען מיינען חינוך, הרגל... קען זיין אזוי...

נאר אבער, מצוות חינוך, איז אז דער טאטע זאל אים אויסלערנען וועגן די ד' מינים. און דער טאטע זאל נעמען זיין האנט, ער אליין ד' מינים זיין האנט. און מיט דעם לערנט ער אים אויס. מיט דעם ווערט ער אביסל מורגל, יא.

**חידוש: "שכל החייב ללמוד חייב ללמד" — ללמד אלס השלמה פון ללמוד**

**Chavrusa A:** איך געדענק ס'איז דא א מחלוקת ראשונים, ווייל די מאן דאמר זאגט דער טאטע איז מחויב מחנך זיין די זון, איך ווייס פאר די זשאב צו זיין מיט דעם ספר. זאגט דער רבי המעטר, "ואינו אישה חייבת ללמד את בנה", אויף די טאטע האט א חיוב, אבער מען זאגט דאס ממש אזוי, אז ווען עס וואלט געווען א חיוב פון דאס קינד, וואלט ער אפשר אויב ס'איז נישטא קיין טאטע, וואלט די מאמע געהאט דעם חיוב.

אבער די מאמע האט נישט די חיוב ללמוד, זי דארף נישט אויסלערנען איר זון. די חיוב איז דוקא אויף די טאטע, שכל החייב ללמוד חייב ללמד. דאס הייסט, מיר נעמען אן אז אשה איז פטור.

**Chavrusa B:** דאס איז אינטערעסאנט, אז דאס האט צוטון מיט דעם וואס מיר האבן גערעדט. ללמוד און ללמד איז צוויי באזונדערע ענינים. דאס איז זייער גוט, דאס איז א געוואלדיגע זאך.

**Chavrusa A:** דער רמב"ם קוקט אן ווי ללמד איז אזוי ווי אן השלמה פון ללמוד. א מענטש הייבט אן צו לערנען ווען ער קען נאך נישט גוט, דארף ער אליין לערנען. אבער איינמאל ער קען גוט, דאס איז די נאטירליכע המשך פון לערנען, אז מען לערנט אויס מיט אנדערע מענטשן. איז דער טאטע וואס האט א מצוה ללמוד, האט ער א מצוה ללמד. אבער די פרוי איז מופקע פון דעם, ווייל זי האט נישט קיין חיוב ללמוד.

**Chavrusa B:** אין די גמרא איז דא מער ווי איין לימוד, אבער דו זאגסט זייער גוט אז דאס איז אפשר די מינינג פון די לימוד. יא, איך מיין אזוי זעט עס שפעטער אויך.

**פרק א' הלכה ב': חיוב ללמד בנו ובן בנו**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **כשם שאדם חייב ללמד את בנו**... אבער ער האט פארדעם געזאגט אז דאס איז א דין אין דיינע קינדער. ס'איז נישט דווקא א דין אין דיינע קינדער. נאר, **כשם שאדם חייב ללמד את בנו,** אזוווי מען איז מחויב "ולמדתם אותם את בניכם", דיינע קינדער. דיינע קינדער מיינט נישט נאר דיינע קינדער, ס'מיינט אויך דיינע אייניקלעך. **כך הוא חייב ללמד את בן בנו,** ער איז אויך מחויב צו לערנען מיט זיין אייניקל, **שנאמר "והודעתם לבניך ולבני בניך".**

דארט שטייט וועגן מודיע זיין די סיפור יציאת מצרים, אבער מען זעט אז דער רמב"ם לערנט... אדער אפשר רעדט מען דארט פון אויסלערנען די עיקרי אמונה, אדער וואס? מעמד הר סיני. איך מיין אזוי, "ויהיו נכון לשלושת הימים", "אשר היית עומד לפני ה' אלוקיך בחורב". סאו אין חורב, יום מתן תורה, האבן זיי געלערנט תורה. סאו קומט אויס אז דאס איז א מצוה צו לערנען תורה. מען דארף מודיע זיין פאר די דורות אז די אבות האבן געלערנט תורה. סאו קומט אויס אז די חזרה איז אויף מעמד הר סיני. סאו זעט אויס אז בן בנו דווקא, בן בתו איז נישטא קיין חיוב.

אבער א מינוט, איך זע נישט אז ס'איז דווקא בן בנו, ס'איז נאך פארווערדיג. ניין, אבער ער גייט יא אויסרעכענען וואס ער דארף, דא איז א חלק.

**חיוב אויף כל חכם וחכם — ללמד את כל התלמידים**

זאגט ער ווייטער, **ולא בנו ובן בנו בלבד.** זאגט ער ווייטער, דער ענין פון לערנען מיט דיינע קינדער מיינט נישט נאר אז מען דארף לערנען מיט די קינדער, **אלא מצוה על כל חכם וחכם מישראל ללמד את כל התלמידים.** ס'איז א מצוה אז ווער ס'קען לערנען זאל אויסלערנען מיט אנדערע מענטשן.

ווייל ס'איז דאך איינעם בונה, **שנאמר "ושננתם לבניך"**, און "לבניך" בפשטות מיינט טאקע דיינע קינדער, אבער אין פאה שמינית האבן די חז"ל האבן געלערנט הלכה למשה מסיני, אז זיי האבן מקבל געווען אז **"לבניך" מיינט "אלו תלמידיך", שהתלמידים קרויים בנים, שנאמר**, און דער רמב"ם ברענגט דארט א קלארע פסוק **"ויצאו בני הנביאים"**, און "בני הנביאים" מיינט דאך די וואס זענען זיך מרגיל אין נבואה, די וואס גרייטן זיך אן.

## הלכות תלמוד תורה פרק א' — הלכה ב' און הלכה ג': "ושננתם לבניך", דין קדימה, און חיוב לשכור מלמד

### הלכה ב': "ושננתם לבניך" — תלמידים, קינדער, און דין קדימה

**"ושננתם לבניך" מיינט תלמידים**

זעט מען אז בעצם איז **"ושננתם לבניך"** מיינט נישט דוקא מ'זאל לערנען מיט די קינדער, נאר וואס מיינט עס? מ'זאל לערנען מיט די תלמידים. ס'איז א מצוה פון תורה אז עפעס וואס מ'דארף מלמד זיין. יעדער איד דארף לערנען, יעדער חכם, זאגט ער. אפשר נישט יעדער איד, ס'קען נישט זיין. ס'איז זיכער נישט אז דו זאלסט איבערגעבן דיינע עמי הארצות פאר אנדערע מענטשן, ס'איז נישט קיין גוטע הנהגה. איינער וואס איז א חכם...

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ביי די קינד זאגט מען נישט אויב ער איז א חכם. זעט אויס אז יעדער טאטע איז גענוג חכם פאר זיין קינד. אפשר גייט מען באלד זען אז ער דארף יא איינער א חכם צו דינגען פאר זיין אייגענעם קינד. איינער וואס איז נישט קיין חכם, טאקע זאל ער נישט לערנען, ער זאל... אבער פאר קינדער דאך, אפילו ער איז נישט קיין חכם, קען ער דאך זאגן **"תורה צוה לנו משה"**. אבער זעט אויס אז ס'איז נישטא קיין חיוב אויף א איד צו זאגן **"תורה צוה לנו משה"** פאר אנדערע מענטשן.

**די שאלה פון "בני בניך"**

אבער לאמיר יעצט גיין אין הלכה ג', איך וויל איין מאל געפונען דא אז דער רמב"ם זאגט, לאמיר ענדיגן מיט הלכה ג' און נאכדעם וועלן מיר זען מיט די רבי'ן ווייטער. אקעי, אויב זאג איך יעצט אז ס'איז לאו דוקא אז מ'דארף לערנען מיט די קינדער, מ'דארף לערנען מיט תלמידים, אבער לאמיר נאר זען וואס איז מיט **"בני בניך"**? ס'שטייט דאך יא **"לבניך ולבני בניך"**. און עס שטייט דאך יא אפאר מאל **"לבניך"**. האסט טאקע געזאגט אז **"בניך"** האט עס א סארט ריבוי אז ס'מיינט אויך תלמידים, אבער דאך זעען מיר אז די תורה מיינט בעיקר די קינדער. וואס איז פשט?

**דער רמב"ם'ס תירוץ: דין קדימה**

זאגט דער רמב"ם אז ס'איז נישט פשט אז מ'איז נאר מחוייב פאר די קינדער, נאר עס איז א דין אין קדימה: **"להקדים בנו לבן בנו, בן בנו לבן חבירו"**. ס'איז א דין פון קדימה. די תורה שרייבט מער מאל **"לבניך"**, **"בני בניך"** שטייט נאר איינמאל, און תלמידים איז נאר א לימוד וואס דארט איז עס ממש נאר מרומז אין די פסוק, ווייל די תורה וויל אונז לערנען די דין קדימה. אבער ס'איז נישט אז מ'איז פטור פון די אנדערע, נאר ס'איז א דין קדימה.

אזויווי למשל איז דא א דין וועמען מ'דארף קודם געבן צדקה, די חיוב איז פאר יעדן איינעם, נאר מ'לערנט אונז ווער איז חשוב'ער, ווער איז וויכטיגער. אזוי אויך, אויב א מענטש האט א ברירה צו ער זאל לערנען מיט א פרעמדן צו ער זאל לערנען מיט זיין קינד, קודם דארף ער לערנען מיט זיין קינד. דאס איז איין ענטפער.

### דער צווייטער חילוק: חיוב לשכור מלמד

די נעקסטע זאך איז נאך א פשוט'ערע ענטפער אויף די זעלבע שאלה. אזוי זעט מען אויס, דאס איז צוויי חילוקים. ווייל די חיוב פון די קינד איז חשוב'ער, ער איז אזויווי א דין קדימה, איז עס מביא גורר נאך א וועג. אז וואס? אז פאר די קינד איז מען נישט נאר מחוייב אליינס צו לערנען, נאר **"חייב לשכור מלמד לבנו ללמדו"**. אויב א טאטע קען נישט אליינס גוט אויסלערנען די קינד, אדער ער קען נישט, דארף ער דינגען א מלמד פאר זיין זון אים אויסצולערנען. אבער א בן חבירו איז נישטא אזא חיוב, ס'איז נישטא קיין חיוב צו דינגען פאר אנדערע מענטשן מלמדים. **"ואינו חייב ללמד בן חבירו אלא בחנם"**.

פאר בן חבירו איז נאר א דין, אז ווייל דו קענסט לערנען, זאלסטו מזכה זיין אנדערע מענטשן, זאלסט לערנען מיט אנדערע מענטשן. אבער ס'איז נישטא קיין דין אז ס'ליגט אויף דיר די חיוב, ממילא אויב דו קענסט נישט אליינס זאלסטו דארפן דינגען א שליח. דאס איז צוויי חילוקים, יא, אין די חילוק צווישן אנדערע און בנו.

### די שאלה פון מקור

ס'איז אינטערעסאנט, ווייל דאס איז נישט קיין מקור. איך מיין אז דאס איז יא פשוט אין די זאך, נאר איך האב נישט געזען אז ער ברענגט א מקור אין די גמרא פאר דעם אז מ'איז מחוייב צו דינגען א מלמד. פארקערט, ס'שטייט דאך די תקנת יהושע בן גמלא געווען אז מ'ברענגט א מלמד פאר די גאנצע שטאט, פאר ווער זיין טאטע קען נישט אויסלערנען. דער רמב"ם האט אוודאי געהאט א מקור, סתם אזוי שרייבט ער נישט אזא זאך. אבער לכאורה איז עס דאך זייער פשוט, אז אויב האסטו א חיוב און דו קענסט נישט... מ'זאגט נישט אז דו האסט אן אתרוג און דו האסט נישט קיין לולב, דארט אין ארץ ישראל. האסט א חיוב אז דו זאלסט לערנען מיט דיין קינד. דו קענסט נישט? טו עס באופן פון א שליח. וועז דו דינגסט א מלמד, דאס איז פשט, ער ווערט נאר א שליח, ער טוט דא א מצוה.

### דיסקוסיע: צי איז דא א חיוב צו דינגען פאר אנדערע אידן?

**Speaker 1:** יא, אבער דאס איז די שאלה. רבי יהושע בן גמלא האט געמאכט א תקנה אז ער האט געמאכט גרינגער פאר אידן, ער האט אראפגענומען די עול פרנסה פון מענטשן. אויב אזוי, איך פרעג דיר א שאלה. דער רמב"ם זאגט, ער זאגט א חילוק פון די חיוב. יעדער איד איז דאך מחויב צו לערנען אויב ער קען. ער זאגט א חילוק אין די חיוב, וואס דארפן דינגען פאר אלע קינדער פון אלע אידן. אויב אזוי, דארפן דינגען א מלמד פאר אנדערע אידן? לויט די ווערטער וואס דו זאגסט, אז יעדער איינער וואס קען דארף דינגען א מלמד אויך, אזוי ווי מצוות צדקה למשל, אז מ'דארף זיין א חיוב אויף יעדן איד צו דינגען א מלמד פאר יעדן אנדערן איד וואס קען נישט, ער זאל לערנען. אבער מ'זעט נישט אזוי.

**Speaker 2:** דו ווייסט וואס איך האב געזאגט אויף די רמב"ם? די רמב"ם זאגט, דיין זון ביסטו מחויב. אויב דו קענסט נישט, דארפסטו דינגען איינער וואס קען. פאר יענעם'ס זון ביסטו נישט מחויב. דו ביסט גערעכט, ס'איז דא א תקנה אפשר, אבער ביסט נישט מחויב. דאס איז נישט... מ'פארשטייט אז דאס איז א נייע חידוש. דו פארשטייסט וואס איך זאג? איך מיין אז דאס איז נישט קיין חכם.

**Speaker 1:** אה, איך מיין אז דאס איז אויך עפעס וואס איז מרומז, דער רמב"ם זאגט עס נישט קלאר, אז ס'איז דא א חילוק צווישן א חכם און נישט א חכם. א חכם דארף לערנען מיט יעדן איינעם, און איינער וואס איז נישט קיין חכם דארף לערנען מיט די קינדער דורך דינגען א מלמד. מיט זיין אייגענע קינדער, אבער נישט מיט אלע אנדערע מענטשן'ס קינדער.

**Speaker 2:** אקעי.

### מעשה מיט ר' חיים קאניעווסקי און ר' גדליה נאדל

ס'שטייט נישט, מ'זעט נישט קיין קלארע מקור אין די גמרא אז מ'דארף צאלן געלט פאר א מלמד. אלע מוטשען זיך מיט די מקור פון די הלכה. ס'איז דא א מדרש רבה אפשר, שטייט **"צו את בני ישראל על תלמוד תורה"**, מסכת בבא בתרא, איך זע די מקורות ציונים זאגן צו. אבער ער פארענטפערט גוט די מקורות ציונים, אלע זאכן וואס זיי זאגן א מקור.

האסטו געהערט אמאל פון וועם ער פארציילט א מעשה? נאר אזוי, ר' שאול יאצילס האט פארציילט די מעשה אז ער איז געווען א שכן איינמאל, א קרוב צו ר' חיים קאניעווסקי, נישט קיין קרוב, א נעפיו. און מ'זאגט אז ער, ר' חיים קאניעווסקי האט געשריבן א ספר "קרית מלך" אויף מקורות פון די רמב"ם, ווי די רמב"ם האט געשריבן די פראזן ברענגט ער א מקור. זאגט ער, אז איין טאג איז ער געשטאנען דארט, און ר' גדליה נאדל איז געווען א שכן דארט, און ער פרעגט, גיי צו ר' חיים, בעט אים אז ער זאל מיר שיקן די ספר "קרית מלך". און איך וויל פארציילן, איך בין געווען א יונגל צו א בחור'ל פון פערצן, און איך בין געגאנגען צו ר' חיים, און איך זאג אים, ר' גדלי' איז דאך דא א ספר. האט ר' חיים סתם אים געשיקט דעם ספר. איינמאל, דער תלמיד האט ער שוין ארויסגעווארפן, ער האלט נישט פון מיין ספר. האט ער אים געשיקט נאכאמאל. האט ער געשיקט, ער ברענגט ער פאר ר' גדלי' איבער דעם ספר, און ר' גדלי' קוקט אריין, זאגט ער אים, גיי צוריק און זאג אים אז ווי מען דארף אים העלפט ער נישט.

### "אלא בחנם" — וואס מיינט דאס?

אדער קען מען זאגן אזוי, די זעלבע זאך דא, די טרעף נישט קיין חילוק. דער רמב"ם האט עפעס פארשטאנען אז פאר אן אייגענעם קינד איז מען מחויב אפילו צו צאלן געלט פאר א צווייטן, און פאר יענעמ'ס קינד איז מען מחויב צו לערנען בחינם. אויך די **"אלא בחינם"** וואס דער רמב"ם זאגט, דארף מען זען, אז מען טאר נישט נעמען געלט. אנדערע זאגן אז מען מעג נעמען געלט פאר אן אנדערע reason אפשר, ווייל ער איז א פועל, יא? אבער אזוי מעג מען נעמען געלט וועט דער רמב"ם שפעטער רעדן. דאס איז אז **"אלא בחינם"** מיינט אז מען איז מחויב צו אויסלערנען בחינם, נישט נאר אז מען זאל נישט צאלן געלט פאר יענעם, נאר אפילו ווען ער לערנט אליין זאל ער אויסלערנען בחינם. דאס איז פשט **"אלא בחינם"**.

### חיוב לשכור מלמד אויף אייניקלעך

לכאורה, דער בית יוסף ברענגט אז דער שולחן ערוך אין רפ"ו ברענגט דאס צו וועגן אייניקלעך, אז אויף אן אייניקל, בן בנו, איז אויך דא א חיוב לשכור מלמד. מען קען הערן אז דער רמב"ם האט זיך אויסגעדריקט אז אויף די קינדער שטייט קלארער, מער מאל, און אויף אייניקלעך שטייט נאר איין מאל. ס'איז דא א קדימה. דער רמב"ם זאגט אז מען דארף נישט צאלן.

### דיסקוסיע: אויב א טאטע לערנט טיילוויז מיט זיין קינד

**Speaker 1:** אויך טראכט איך וואס טייטש א איד וואס איז א חכם און ער לערנט מיט זיינע קינדער, אבער ער לערנט נישט גענוג, ער לערנט נישט פיר און צוואנציג שעה. ער האט נאך א חיוב צו די זייט. ער האט געלערנט צוויי שעה מיט זיין קינד, דארף ער נאך אלץ דינגען א מלמד פאר די איבעריגע צייט?

**Speaker 2:** מיר דארפן וויסן, אונז האבן דאך נישט געהאט קיין שיעור אין די לימוד, ווייל מען קען זאגן אז דו דארפסט לערנען מיט אים גענוג ביז ווען ער ווערט א גרויסער תלמיד חכם. אבער אונז האבן נישט געגעבן די

שיעור. אבער ענטפערן די פראגע, אויב מען קען פארשטיין דעם רמב"ם, דארף מען נישט נאך פרעגן נישט אין די שיעור.

**Speaker 1:** אקעי, לאמיר אונז לערנען קודם דאס, דער גדר הלכה, וואס מען פראקטיצירט אביסל דא הלכה למעשה.

#### דיסקוסיע: חיוב צו צאלן שכר לימוד

**Speaker 1:** אן אנדערע זאך וואס מען קען דא גלייך טראכטן איז, די זאך וואס מען דארף דן זיין אין די פשט, אויב אויף אן אנדערע וועג האט ער נישט לערנען. וואס איך מיין צו זאגן איז, אויב א איד האט א היתר נישט צו צאלן זיין שכר לימוד, אבער מען קען אים זאגן, אז דו ביסט מיר מחויב צו צאלן שכר לימוד? ווייל דו האסט א חיוב צו דינגען א מלמד פאר דיינע קינדער. ווייל ער קען זאגן, אז אויב איך האב נישט קיין צייט, מיין זון איז אן עם הארץ, איז האב איך א חיוב צו דינגען. אבער היינט אז עס איז דא תלמודי תורה'ס, צאלן איז א חשוב'ע זאך, חס ושלום איך מיין נישט דא צו פראמאטן נישט צאלן, ס'איז נישט קיין מענטשליכע זאך, פארוואס זאל א צווייטער מענטש פאנדרעיזן ווייל איך האב נישט ווער. אבער ס'קען זיין אז דער דין פון דינגען, ס'איז דא א חילוק צווישן צאלן...

**Speaker 2:** אקעי, גיי מיר נישט אריינגיין אין די חיוב. אקעי, וואס איז די חיוב? די חיוב איז אז דו זאלסט איינעם געבן צו צאלן. אקעי. די חיוב ווערט אז אויב דו לערנסט נישט, זאל א צווייטער לערנען מיט אים. אבער אז א צווייטער לערנט שוין מיט אים, איז נישט קיין דין אים צו באצאלן. ס'איז א דין אז דו זאלסט נישט לאזן דיין זון זיין אן עם הארץ. אויב איז נישט דא קיין מלמד, זאל איינער זיין דער מלמד.

ס'איז דא מפרשים וואס לערנען אז ס'איז יא א מצוה, אז ס'ווערט ווי א חיוב. ער ווערט ווי א שליח, שליח של אדם כמותו, ער ווערט א יד פועל כבעל הבית, ער ווערט גע'פועל'ט פון אים. ס'ווערט ווי א חיוב. ס'איז דא אזא גדר מצוה וואס איז מחייב ארויסצוגעבן געלט, און ס'איז דא וואס איז נישט מחייב ארויסצוגעבן געלט. תלמוד תורה איז א גדולה, איך ווייס נישט וואס די כלל איז דא, אבער ס'איז דא אזא דעה אז ס'איז דא א חיוב ארויסצוגעבן געלט פאר דעם. ס'איז נישט סתם א מצוה וואס איינער קען, איינער קען נישט, ער דארף באצאלן.

**Speaker 1:** איך וואלט דיר געזאגט אז לכאורה, דער אמת איז אז קיינער איז נישט יוצא מיט'ן דינגען א מלמד, ווייל איינער וואס דינגט א מלמד, סתם ער שיקט אים אין חדר און ער קוקט זיך נישט אליין אום אויף די קינדער, ער לערנט נישט מיט אים, איז כמעט נישט שייך א קינד זאל וואקסן. און די שעה וואס דער טאטע לערנט מיט די קינדער, אסאך מאל טוט מען מער אויף ווי די פופצן שעה וואס ער לערנט מיט'ן מלמד. אז דו דינגסט אים א פריוואטע מלמד, איז עס ממש א חיוב. אויב דער חדר שטעלט צו די בוידעם בוידל, אבער דו זעסט אז ער דארף לכתחילה, איז עס מחויב. דו ביסט נישט יוצא מיט צאלן די מינימום צו זיין אן עם הארץ.

#### הלכה ג': "מי שלא לימדו אביו" — חיוב ללמוד את עצמו

דער רמב"ם האט אבער דא א שטיקל השערה. ער זאגט, אויב איז דא א חיוב אז דער טאטע זאל מיך אויסלערנען, אפשר איז א מענטש זאל זאגן, "אויב מיין טאטע האט מיך אויסגעלערנט, און ווען איך קום אן און איך ווער א בר חיובא, און דא זאגט דער רמב"ם **"מי שלא לימדו אביו"** — איינער וואס דער טאטע האט אים נישט אויסגעלערנט, איז ער נישט פטור, נאר **"חייב ללמד את עצמו כשיכיר"**. **"כשיכיר"** מיינט ווען ער האט איינגעזען אז ער קען נאך נישט. אבער ווען ער איז גענוג קלוג, ווען ער קען אליין לערנען. אפשר אפילו בפרט, אפשר מיינט ער צו זאגן אפילו ווען ער איז נאך נישט קיין גאר...

### הלכות תלמוד תורה, פרק א' — הלכה ג' (המשך) און הלכה ד': חיוב ללמד את עצמו, תלמוד קודם למעשה, און דין קדימה

#### הלכה ג' (המשך): "מי שלא למדו אביו — חייב ללמד את עצמו כשיכיר"

ממילא איז דאך אזא זאך, אויב דער טאטע האט זיך נישט געמאלדן און דער בית דין האט זיך נישט געמאלדן, דארף א מענטש זיך מאלדן ווען ער קומט אן און ער ווערט א בר חיובא.

אזוי זאגט דער רמב״ם, **"מי שלא למדו אביו"** — איינער וואס דער טאטע האט אים נישט אויסגעלערנט, איז ער נישט פטור, נאר **"חייב ללמד את עצמו כשיכיר"**. "כשיכיר" מיינט ווען ער האט איינגעזען אז ער קען אויך נישט, אדער ווען ער איז גענוג קלוג, ווען ער קען אליין לערנען. אפשר אפילו ביי פקחות, אפשר מיינט ער דאס צו זאגן, אפשר אפילו ווען ער איז נאך נישט קיין גדול.

#### דער רמב״ם גייט שפעטער רעדן וועגן די עצם מצוה פון לימוד התורה

דער רמב״ם גייט שפעטער רעדן וועגן די עצם מצוה פון לימוד התורה. דא זאגט ער נאר אז דער חלק פון מלמד זיין, יעדער איד דארף ווערן אויסגעלערנט תורה. סאו ער זאגט אזוי ווי א פאטער איז מחויב ללמד את בנו תורה, אזוי ווי מיט די כללים פון וויפיל שעה א טאג, ער גייט שפעטער זאגן, האסטו א חיוב צו זיין דיין אייגענע טאטע אזוי ווי. אויב דו האסט נישט געהאט א טאטע, האסטו א חיוב צו זיין דיין אייגענע טאטע. דו דארפסט דיך אליין אויסלערנען "כשיכיר", שנאמר, **"ולמדתם אותם ושמרתם לעשותם"**.

#### וויאזוי לערנט מען ארויס פון דעם פסוק?

וויאזוי לערנט מען ארויס פון דעם פסוק? אפשר אז די... יא, "ולמדתם" און "ושמרתם לעשותם". אפשר מיינט ער אזוי צו זאגן, אז אזוי ווי די תכלית פון לערנען איז אנצוקומען צו קענען טון די מצוות, איז קענסטו נישט זאגן, אפילו אויב מ'וועט זאגן אז דו טרעפסט א וועג ארויס, שוין, דו ביסט נעבעך אן אונס, דו האסט נישט געלערנט מיט יארן, אבער דו דארפסט דאך וויסן וואס צו טון מצוות, מוזטו לערנען אליין כדי צו קענען די מצוות.

#### "תלמוד קודם למעשה" — וואס מיינט "קודם"?

איך מיין אז דאס קומט ארויס פון די המשך. אזוי זאגט ער ווייטער, **"וכן אתה מוצא בכל מקום"**, וועגן דעם טרעפסטו אין כלל אז **"תלמוד קודם למעשה"**. אז תלמוד איז חשוב'ער. "קודם" מיינט ער קודם בזמן, עס קומט פריער, אדער עס איז חשוב'ער? ער זאגט דאך "קודם בזמן", דאכט זיך. אז תלמוד... ער איז שוין מחויב צו לייגן תפילין אפילו פאר ער האט געלערנט הלכות תפילין? ניין, ער האט געלערנט, ער ווייסט אז ער דארף לייגן תפילין. עס קען זיין אז "קודם" מיינט חשוב'ער ווי מעשה. **"שהתלמוד מביא לידי מעשה"**, ווייל תלמוד ברענגט לידי מעשה. אז מ'לערנט ווייסט מען וואס צו טון, ווייסט מען צו טון מצוות. **"ואין המעשה מביא לידי תלמוד"** — מעשה ברענגט נישט לידי תלמוד. טון מצוות ברענגט נישט אז מ'זאל קענען לערנען. דו קענסט דאווענען זייער ערליך, אבער עס גייט דיך נישט מאכן פארשטיין לערנען.

#### דיסקוסיע: די גמרא'ס לשון "גדול" קעגן דעם רמב״ם'ס לשון "קודם"

**Speaker 1:** אבער לכאורה די קנייטש פון די רמב״ם וואס דו האסט געזאגט, אז דער רמב״ם רעדט נישט דאס. די גמרא ברענגט א חקירה אז תלמוד איז גדול אדער מעשה איז גדול. אבער דא שטייט נישט גדול, דא שטייט קודם. קודם קען איינער מיינען ביז מ'איז מחויב צו לערנען, דארף איך דאך וויסן וואס צו טון.

#### תלמוד איז א יסוד פאר אלע אנדערע מצוות

איך מיין אז ס'איז דא אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל תלמוד איז דאך אליינס א מעשה אויך. תלמוד איז דאך א מצוה, ס'איז דאך א מצוה פון לערנען תורה. אבער ס'קען זיין אז די ווארט דא איז, ער זאגט אז תלמוד איז חשוב ווי אלע אנדערע מצוות. תלמוד איז דאך, אן עולם הזה אוכלים פירותיהם, איז איינע פון די מצוות. ס'איז דאך דא א מצוה פון הלוואת חן, און איך ארבעט כדי צו קענען בארגן געלט פאר מענטשן, איך האב נישט קיין צייט צו לערנען. ניין, זאגט ער אבער ניין, ווייל תלמוד איז א יסוד פאר אלע אנדערע מצוות, אזוי ווי אין תלמוד איז דא אלע תרי״ג מצוות. אויסער וואס

ס׳איז איין מצוה, איז עס א יסוד התורה. דערפאר האט דער רמב״ם עס אריינגעלייגט אין די ספר המדע, וואס איז די יסודי התורה.

#### חידוש: "כשיכיר" קען מיינען אפילו פאר בר מצוה

אה, אפשר איך טראכט א נייע פשט, איך טראכט א נייע חידוש. ווייל ס׳איז דאך דא א צווייטע לשון פון "משיהכיר", וואס איז דאס משיהכיר בן חייב ללמדו? איך טראכט אז אפשר איז דא א גרויסער חידוש. מיר האבן געלערנט אנהייב אז א קטן עובד פאר׳ן לערנען תורה, איז עס א נייע דין, "ומלמדין אותם", סתם אזוי איז עס א חיוב פאר די טאטע אויף די קטן. קען זיין משיהכיר מיינט אפילו אז ער איז עלטער פון עלף צוועלף, און ס׳שטייט אז זיין טאטע האט אים נישט אויסגעלערנט, איז ער מחויב אליינס זיך צו טרעפן א מלמד וואס זאל אים אויסלערנען. און פארוואס איז תלמוד קודם למעשה? פאר ער איז מחויב במעשה איז ער שוין מחויב בתלמוד.

**Speaker 2:** בני טוב, ס׳איז אן אמת, ס׳איז א שיינע תלמוד. אבער איך מיין אז די זאך איז... בקיצור, אבער ער זאגט אז די תלמוד איז א יסוד פאר אלע אנדערע מצוות, אבער אנדערע מצוות זענען נישט קיין יסוד פאר אנדערע מצוות. ס׳טייטש, א יעדע מצוה איז א מצוה לעצמה, אבער די תלמוד איז אסאך גרעסער ווייל עס איז א יסוד פאר אלע אנדערע מצוות. אבער דער וואס דו זאגסט, חבר׳ל, אז משיהכיר זאגסטו אז נאך פאר פילע פארם איז ער בר חיובא. ס׳קען זיין. אבער אנדערע רעדן יא וועגן די חיוב געשעעניש ווען מ׳ווערט א גדול. אבער פארט, אפשר קען מען אויך זאגן פארקערט, אז א גדול וואס איז נאך משיהכיר איז אויך פטור, און מ׳קען עס מאכן לכאורה מיט דעם. ס׳איז דאך נישט תלוי אין די דין פון גדול, ס׳איז תלוי אין עפעס א נייע זאך — משיהכיר.

#### דער לשון "כשיכיר" ביי אברהם אבינו

ער ציילט צו די לשון, פון משיהכיר שטייט ביי אברהם אבינו, "הכיר את בוראו". אה, און ס׳שטייט די לשון, ס׳איז דא אן אינטערעסאנטע זאך וואס איך שטעל צו ר׳ ראבינאוויטש, אז ס׳שטייט אברהם אבינו לא היה לו מלמד, אלא הכיר מעצמו. און אז הכיר, האט ער אליינס פארשטאנען אז ער איז מחויב. ס׳איז נישט אז איינער האט אים אויסגעלערנט. זיין טאטע האט אים דאך נישט אויסגעלערנט.

#### הלכה ד׳: דין קדימה — "הוא קודם לבנו"

דער רמב״ם האט שוין געזאגט אז ס׳איז דא א גרויסע דין קדימה אז לערנען מיט די אייגענע קינד אדער מיט די אייגענע אייניקל קומט פאר לערנען מיט אנדערע תלמידים, וואס ס׳איז אויך א חיוב. יא, דער רמב״ם רעדט מיט די דין קדימה.

#### ווען א מענטש דארף אליין לערנען און ער האט א זון צו לערנען

זאגט דער רמב״ם, **"היה הוא ללמוד תורה"**, א מענטש דארף נאך אליין לערנען תורה, ער האט זיך נאך נישט משלים געווען אין תורה — שפעטער גייט דער רמב״ם זאגן ווען וויסט מען מ׳קען שוין תורה, ווען האט מען געענדיגט — אויב א מענטש דארף אליין לערנען תורה, **"ויש לו בן ללמוד תורה"**, ס׳איז דא א נארמאלע שאלה, א איד ארבעט א גאנצע וואך, שבת האט ער, אלע קענען לערנען און אליין האבן עפעס א סדר הלימוד אז במשך שבת זאל ער ווערן א שטיקל תלמיד חכם. אבער ער האט קינדער.

זאגט דער רמב״ם, **"הוא קודם לבנו"**, דער חיוב זיך אליין, אז ער אליין זאל קענען לערנען, איז א גרעסערע דין קדימה. "חייך קודמים" און אזוי ווייטער. די גרעסטע קדימה איז די אייגענע. מ׳פארשטייט, די גמרא זאגט אז די עיקר פון די מצוה איז געווען צו אויסלערנען, אבער מ׳האט געזאגט אז "אין לו ללמוד", אז ער איז חייב אליין, זעהט מען אז "אין לו ללמוד" איז א גרעסערע חיוב ווי "ללמדו", ס׳איז קודם.

#### דיסקוסיע: וועגן וועלכע פאל רעדט מען?

**Speaker 1:** מ׳רעדט דאך אבער באופן אז דאס צו לערנען מיט זיין קינד גייט אים נישט מאכן א תלמיד חכם. למשל, אויב האט ער א זון וואס איז א בר שכל, לערן מיט דעם זון. אבער מ׳רעדט דאך נישט פון מיין פאל, מ׳רעדט מער אז מ׳מוז לייגן געלט אז איינער זאל קענען גיין אין ישיבה און דער אנדערער מוז ארבעטן.

**Speaker 2:** ניין, ניין, ס׳קען יא זיין. למשל, ער האט א יונגל וואס איז פינף יאר אלט, און ער דארף לערנען מיט אים חומש. מיט׳ן לערנען מיט דעם יונגל "שאר בעלי חיים לא יאכלו" וואס ער קען שוין, גייט ער נישט ווערן קיין תלמיד חכם. אבער ער האט א דרייסיג יעריגער בחור, זעצט ער זיך אראפ און ער לערנט, ער לערנט, אז ער אליין זאל אויך עפעס לערנען זאכן וואס ער האט נאכנישט געלערנט, זאלן זיי ביידע ווערן תלמידי חכמים.

ס׳איז א פאקטישע דילעמע וואס מענטשן האבן היינט. איך מיין אז איך האב פארשטאנען די גמרא אין קידושין וואס רעדט וועגן דעם. רעדט נישט פון דווקא, ס׳רעדט פון פשוט׳ע מענטשן. פון דינגען א מלמד פאר מיך אדער פאר אים? אדער אמאל, וויאזוי ס׳איז געווען א סיטואציע, מ׳איז געווען ארימער, מ׳האט נישט געקענט יעדן איינעם פארגינען ישיבה. איינער האט געדארפט פארדינען די שבועה, און דער צווייטער האט געדארפט לערנען. ס׳איז נישט דווקא די צייט, ס׳איז געווען אין די זין פון דינגען א מלמד.

**Speaker 1:** אדער פון דינגען, אדער בכלל, דינגען אדער צייט און געלט. מ׳איז נישט געווען ערלויבט, מ׳האט נישט געארבעט אין יענע צייטן, מ׳האט געהאט דורות.

#### "אם היה בנו נבון ומשכיל יותר ממנו — בנו קודם"

זאגט דער רמב״ם, דא שטייט אן אינטערעסאנטע חידוש: **"אם היה בנו נבון ומשכיל יותר ממנו"**. אויב דער זון איז א נבון, ער איז א קלוג קינד, און ער גייט משכיל זיין וואס ער לערנט יותר ממנו, וואס ער גייט לערנען גייט ער אסאך מער מצליח זיין ווי דער טאטע, דעמאלטס **"בנו קודם"**.

ס׳איז זייער אינטערעסאנט. ס׳איז טאקע דא א דין קדימה, אבער ס׳איז אויך דא א דין אז מ׳זוכט די תכלית פון די תורה. מ׳זוכט נישט נאר דיין אדער דיין קינד׳ס תכלית, נאר מ׳זוכט וואס איז בעסער פאר כלל ישראל, פאר די תורה, די "ביגער פיקטשער" אזוי צו זאגן. אויב קען דיין זון ווערן א תלמיד חכם, קומט ער קודם. איך מיין, זיי האבן שוין געהאט אויך די הלכה אין הלכות דעות, דער רמב״ם האט געזאגט אז א מענטש זאל האבן קינדער ווייל אפשר וועט אויסוואקסן א גדול בישראל. יעדער איד האט א חיוב, אויסער וואס ער האט א חיוב, אונז טאר מיר נישט זיין "סעלפיש". אונז זענען מיר נישט דא נאר אלס "איך מיין", איך זאל וויסן אז איך האב געשעפּטקט אלע "באקסעס". מ׳דארף קוקן אויף די גרויסע תכלית פון כלל ישראל, אויף די תכלית פון די תורה.

#### דיסקוסיע: וויפיל בעסער מוז דער זון זיין?

**Speaker 1:** קען זיין אז ער וועט זאגן "הוא קודם" נאר, קען יא זיין אזוי ווי דו האסט געזאגט, אפשר ווייל דער עלטערער ביי דיר וועט ער בעסער פארשטיין. אפשר איז ער מער חכם קודם. וויאזוי?

**Speaker 2:** ניין, "הוא קודם" איז פשוט "הוא קודם". יא, אבער פון ווען רעדט עס? אז זיי זענען ביידע שוה בשוה פשוט. וואס איז אביסל בעסער? וויפיל בעסער זאל דער זון זיין? אסאך בעסער.

#### "הוא קודם" — אפילו ווען דער זון איז אן עילוי

זאגט דער רמב״ם, אבער דער רמב״ם מאכט אז "הוא קודם". אן ענוה פשוט. אפילו ווען ער האט אזא זון, אזא געלונגענע זון, אן עילוי. מיינט נישט אז אקעי, ברוך השם, איך בין א איד, נו, איך וועל זיין אז וואס וועלן מיינע זון׳ס לערנען, און איך וועל טון א מענטש ווייטער, נישט קענען תרצים מבטל זיין תורה. ס׳איז נישט פשט אז דער זון קען טון די "דזשאב" אנשטאט דיר. ניין. **"שכשם שמצוה ללמד את בנו, כך היא מצוה ללמד את עצמו"**. א מענטש דארף זיך אליין מלמד זיין, א מענטש דארף זיך אליין מחנך זיין.

#### דער חידוש פון "בנו קודם" — מ׳קוקט אויף די גרויסע תכלית

און דא דאכט זיך קומט יא אריין דיין קשיא. איך ווייס אז די פשטות וואס איך האב שבת געזאגט פאר מיינע קינדער, אז ס׳איז א גרעסערע חיוב, ווייל מ׳זאגט אז מיינע קינדער זענען מער אונטער מיר ווי איך בין. אבער וואס איז

נישט מיין עושה. מיינער האט נישט א די וואס פוטער. דארפסטו רעכנען א וועג צו מאכן אן אייגענע רחיות, נישט דאסלבע.

**Speaker 1:** ניין, דו קענסט נישט. דאס איז נאר אנדערע דייס, אנדערע דייס. אזוי, לאמיר זאגן ממש אז ער קען גארנישט לערנען, און עס איז די שאלה צו זאל דינגען א מלמד פאר זיך אדער א יענעם. אבער די פליערדיגע קעיס רעדט זיך לכאורה צו איינער קען בכלל גיין מיט א מראות, אדער די טשיקים קען דעם קינדער אין ישיבה, וועט נישט איינקיין אין ישיבה.

**Speaker 2:** אקעי, יעצט, רעד מען. אבער דו קענסט שוין יא, דו קענסט זיך מאכן. עס איז א שיעור, דו קענסט זיך עפעס טוהן.

**Speaker 1:** יא. אז דאס מיינט, אז לערנען טוהג זאלט מען נאך פאר אלעם. ס'דארט שוין דארף אנהייבן לערנען ממש יונג. און נאכדעם קען מען עפשטע אנהייבן טרעפן ארבעט און א קערעם נאכדעם ווייטער. און געפאלט מען עס וועט נישט א שיעור טוהג, אפשר מיט א געוויסע שיעור קען מען טראכטן צו פריער.

**דיגרעסיע: לערנען פאר חתונה — דער רמב"ם'ס שיטה**

דער רמב"ם איז נישט אימנעס רשת החילה, אויב האט ער אין ווייטער נעמט ער חתונה פאר דעם, דארף וועט איך אימערפארנער זיין. דער גמרא זאגט פאר דעם ברוך חיים וועלט סבורה, אויב האט איך שוין א שווערע אלעף זיין קאפ. אין דארטער פון אייבה ללמוד האט ער נישט די עוויילעבילעטי, ער האט נישט די קלארקייט אין זיין קאפ צו לערנען מיט די זעלבע קלארקייט. אבער... זאגט דער רמב"ם, אבער... דער כלל אביגע דארף קודם לערנען נאך פאר דעם חתונה, און מען זאל חתונה נעמען שפעטער, איז דווקא ווען מ'קען, אבער דער רמב"ם איז מיט סקביי'ער עלב האט שוין אימצש אין ריב ופני, אויב־אבער, גייט ער זיך אזוי שטארק פלאגן מיט זיין יצר הרע?

**Speaker 1:** אויף אינטערעסאנט. ער זאלט נישט וואס בעפלים מיט די יצר הרע?

**Speaker 2:** ער זאגט, הסי"א נוח ווייטער איילי ופני. איז ער האט שוין נישט איילי ופני, וויל ער קען נישט קענען ער לערנען. ביז מיט זיין מיט א יצר הרע? עניוועיס, ביז ער טונען איבועיס. ער זאגט אבער אויבער דער ווערט אקעי.

**Speaker 1:** יא, אבער אויב ער קען נישט, איז פשט אז ער גייט נישט קענען לערנען.

**Speaker 2:** אפיציעלערהייט דארף מען האבן דעת פני או לב פני. אויך ביי נביא האט מען געזען אזוי, דארט איז געקומען דארף מען האבן א התחברות הדעת. דער מלוה וועט נישט קענען לערנען, וויל מען האט אים נישט א פארשטאנד, און על אחת כמה וכמה ווען ער האט א יצר הרע וואס שטערט אים, דארף מען צוויי מאל קיום התורה.

און מיר האבן געזען אז איך שטארק מיט די אנדערע וויכוח. עס איז גארנישט אינטערעסאנט אז דער זאלטער איד זאל פארשטיין און דערשאפן.

**הלכות תלמוד תורה, פרק א׳ — הלכה ג׳ (סוף) און הלכה ד׳: חתונה האבן vs. לערנען; סדר החינוך; שכר לימוד**

---

**הלכה ג׳ (סוף): חתונה האבן vs. לערנען — "יצרו מתגבר עליו"**

**Speaker 1:** יא, אבער אויב ער קען נישט, איז פשט אז ער גייט נישט קענען לערנען. אויף צו לערנען דארף מען האבן דעת פנוי אדער לב פנוי. אויך ביי נביא האט מען געזען אזוי, דארף מען האבן הרחבת הדעת. ממילא, אויב ער וועט נישט קענען לערנען וויל ער האט נישט קיין רוהיג און יצרו מתגבר עליו, דעמאלטס איז ער מבטל תורה.

**Speaker 2:** זייער גוט. און דאס איז נישט נאר אין הלכות אישות, נאר אין הלכות תלמוד תורה. אין הלכות אישות איז דא די מצוות פריה ורביה, און דארט שטייט אז מ'דארף האבן אנדערע דינים. אבער דא איז זייער אינטערעסאנט אז דער רמב"ם האט פארשטאנען אז דאס איז לכאורה אויך דאס וואס מ'האט געלערנט דעמאלטס, אז מ'דארף נישט דוקא מוציא זיין די אישה און וואטעוועור.

און ס'איז נישט פשט א יצר הרע, די פראבלעם איז אז ער האט א יצר הרע, ער האט א מחשבות זרות, און ס'איז נישט נאר אין חתונה האבן.

**Speaker 1:** יא, אבער דער רמב"ם ברענגט דאך אז דער רמב"ם זאגט אז מ'דארף חתונה האבן. אין הלכות אישות זאגט ער אזוי, ווען ס'קומט צו א געוויסע עידזש, אין ענגליש, מוז מען חתונה האבן. זאגט ער, אויב ער האט א מורא אז זיין ווייב גייט אים אוועקנעמען פון לערנען, מעג ער זיך פארשפעטיגן, ווייל ער איז עוסק במצוה פטור מן המצוה. זאגט דער רמב"ם, אבער נישט אויף אייביג, ווייל דו ווייסט, ערגעץ וואו דארף מען חתונה האבן. אבער אויב ס'איז דא אזא איינער וואס נפשו חשקה בתורה, און פארקערט, חתונה האבן גייט אים אוועקנעמען פון זיין עבודת השם, פון זיין אינגאנצן טרוד אין לערנען, קען ער זיין אזוי בן עזאי און נישט חתונה האבן. אבער ער זאגט די תנאי דערצו איז נאר אויב זיין יצר איז נישט מתגבר עליו. אבער אויב זיין יצר איז מתגבר עליו, ער קען נישט שפילן א געים, ער האט א גרויסע שאיפה פון לערנען זייער פלייסיג, ממילא ער טוט זיך א גאנצן טאג פייטן. איינמאל דו זעעסט אז ס'איז דא א יצר מתגבר עליו, דארפסטו יא חתונה האבן.

**דיון: וואס מיינט "יצרו מתגבר עליו"?**

**Speaker 2:** זייער גוט. אבער איך האב געוואלט מסביר זיין אז די יצר מתגבר עליו איז נישט דוקא אז ער איז אראפגעדראפט. ס'מיינט אז אויף אזא אופן, אזוויי איינער וואס איז רוב טאג איז ער טרוד ביצרו, אפילו ער טוט נישט קיין עבירה, אפילו א ליפשיבאוער וואס דער מנהג איז צו חתונה האבן שפעטער, נארמאל, ווען ער איז א ביסל מער געוואקסן, ער האט שוין א יצר, ס'איז נישט פשט אז ער האט נישט קיין הרהורים, אבער ער קען רוב צייט לערנען עניוועיס.

**Speaker 1:** ס'קען זיין אז רוב צייט לערנט ער, אבער נישט אזוי שטארק, אפשר די קוואליטי. ער האט נישט, ווי דער רמב"ם זאגט, "אין לבו פנוי". ער איז נישט רואיג, ער לערנט נישט ווי א מענטש מיט א קלארע קאפ.

**Speaker 2:** ס'קען אויך זיין, ס'איז אינטערעסאנט, דער מענטש מיינט אז די זאך אז ער דארף אויפקומען דארט אין די פיר טויזנט דאלער א חודש איז שווער. אבער ס'קען זיין אז ניין, די מחשבות וואס האלטן אין איין אריינקומען אין דיין קאפ איז שווערער ווי די רחיים על צווארו. א מענטש דארף זיך אויסרעכענען וואס איז אים שווערער, די רחיים על צווארו אדער די יצר וואס איז מתגבר עליו. ס'איז א מענטש אליין.

---

**הלכה ד׳: סדר החינוך — מאימתי מתחיל אביו ללמדו תורה?**

**Speaker 1:** ווייל די שיעור איז די זמן אויף די מענטש, און יעצט איז די זמן אויף די קינד, קענסטו זאגן? מאימתי האב מסתכל ללמוד תורה? מ'האט געלערנט אז די טאטע האט א... אדער די רבי... אה, יעצט רעדט מען פון די טאטע. אה, די רבי, מ'דארף מיט די רבי, מיט די תלמידים אויך. אבער ס'איז אינטערעסאנט, יא, יענץ איז נישט קיין פאר קינדער. תלמידים איז נאך א קעפיטל אויף די... פארוואס נישט?

**Speaker 2:** איך וועל דיר זאגן, פון ווען איז די חיוב אז מ'זאל לערנען מיט א קינד? פון ווען... ס'איז דאך די לייגט גאר די טאטע, ער זאגט נישט מאימתי הבן מסתכל ללמוד תורה. אבער די זאך, דאס איז די סדר החינוך, די ברייתא וואס איז געבויט אויף מסכת סוכה. ס'קען זיין די חינוך איז נישט א ברייתא וואס זעצט אוועק די שיעורים פון אלע מצוות.

**Speaker 1:** יא.

**Speaker 2:** ניין, איך האב נישט געשוואוירן אז איך זאג אז א מלמד, אז א חכם דארף זיין ביז ער זאגט תורה צוה לנו משה. דאס איז דאך עפעס וואס א טאטע, יעדער קען. ס'איז דאך א חיוב אויף די טאטע. משיחל לדבר, די

ערשטע ווערטער וואס די קינד זאגט, זאל זיין תורה צוה לנו משה. און? און פסוק ראשון פון פרשת שמע. שמע ישראל און תורה צוה.

**תורה צוה לנו משה און שמע ישראל — צוויי עיקרי אמונה**

**Speaker 2:** ס'איז דאך דא א שיינע ווארט פון די רמ"ק אין די פרדס רימונים, ער זאגט אז די צוויי פסוקים זענען קעגן די צוויי עיקרי אמונה וואס א מענטש דארף וויסן, וואס בעצם זענען געברענגט שוין אין יסודי התורה, די צוויי עיקרי אמונה: אז ס'איז דא א באשעפער, דאס איז שמע ישראל, און אז ער האט געגעבן די תורה, די נבואה, די תורה. דאס שטימט אז מ'לערנט אים אויס די צוויי פסוקים וואס האבן אין זיך די עיקרי אמונה.

**מעשה מיט דער נודע ביהודה**

**Speaker 2:** ס'איז דא די מעשה אז די נודע ביהודה איז אמאל ארומגעגאנגען אין די מאנאסטעריס זוכן אידישע קינדער וואס זענען געווען ביי די גלחים, ביי די קריסטן. און ער איז אנגעקומען אין א פלאץ, און די אדמיניסטראציע האט געזאגט, "ניין, ס'איז נישטא קיין אידישע קינדער." האט ער געזאגט, "לאז מיר רעדן א מינוט צו די קינדער." ער איז אריינגעגאנגען און געזאגט הויך, "שמע ישראל..." שמע ישראל איז מורא'דיג, אז דאס ווייסט א קליין קינד, אפילו פון א יונגע עידזש. ער האט געזען די קינדער וואס ווערן נתרגש פון די שמע ישראל, האט ער געוואוסט ווער ס'איז אידן.

**דער סדר החינוך: פסוקים פסוקים**

**Speaker 2:** שוין, רודער, ואחר כך מלמדו, נאכדעם וואס ער לערנט אים אויס תורה צוה און קריאת שמע... וואס הייבט ער אן קודם? ביז דערוויל?

**Speaker 1:** יא.

**Speaker 2:** ווען ער איז א בן שש או בן שבע, א קינד געוועהנליך הייבט אן קודם זאגט דער טאטע מאמע, ער קען נאך נישט זאגן קיין סענטענס, יא, אבער ער זאגט אים צו, ווייל מען טוט זיך נישט צו שמועסן מיט די קליינע, מיט קלענערע קינדער זעט מען זייער וויכטיג, יא, קריאת שמע, א פסוק, א ברכה.

אחר כך מלמדו מעט מעט. נאכדעם לערנט מען אויס דעם קינד מעט מעט, מען לערנט אים אויס צוביסלעך פסוקים פסוקים. דאס איז דער סדר וואס ער שטעלט זיך ארויס, אז די ערשטע זאך וואס א קינד לערנט איז פסוקים, תורה שבכתב. מען לערנט אים א פסוק, א פסוק פון חומש פון די פרשה, אדער, יא, עד שיהיה בן שש או בן שבע.

**דיון: תפילות אדער פסוקים?**

**Speaker 2:** דאס הייסט, דער רמב"ם זאגט נישט אזוי ווי שטיקלעך פון תפילות, ווי מען זאגט היינט אזוי ווי מען זאגט מיט אים מודה אני, מען זאגט מיט אים ברכות. איך קען זיין דער רמב"ם האט געהאלטן אז תפילה איז עפעס אן ענין וואס איז כוונה, וואס איז נישט, איך ווייס נישט. איך קען זיין אין סדר החינוך איז דאך תפילה וואס ער שרייבט דארט. אבער למעשה תפילה איז אויך מורכב מפסוקים.

**Speaker 1:** יא, אמת. מודה אני איז גראדע נישט קיין פסוק, און סידור שטייט ווייל מען זאל עס קענען זאגן אפילו פאר נטילת ידים.

**Speaker 2:** יא, ער זאגט א סך, די מודה אני איז גראדע א חידוש. דאס איז דאך אגב, עס קומט נישט דא אריין, אבער מודה אני איז א ברכה. ניין, עס איז שוין דאך שפעט. א זאך וואס ליגט אויף יעדן אינגל, איז דאך א חידוש. ערשטע פלאץ שטייט נישט אין סדר היום פון רבי משה בן מכיר, און ממש פון אחרונים, א חידוש פון אחרונים איז די מודה אני. אבער עס איז א שיינע זאך, דאנקען דעם אייבערשטן.

**Speaker 1:** אבער דאנקען דעם אייבערשטן שטייט יא איבעראל. די נוסח איז א שפעטערע נוסח.

**Speaker 2:** יא.

**בן שש או בן שבע — לפי בריאו**

**Speaker 2:** עד שיהיה בן שש. סאו מען לערנט אים אויס פסוקים פסוקים, עד שיהיה בן שש או בן שבע, ווען ער ווערט א קינד פון זעקס זיבן. בן שבע מיין איך בכללי איז געווענליך די מצוות חינוך. אגב, דער רמב"ם ביי יעדע מצוה האט ער חינוך לויט ביי יענע מצוה. עס שטייט ווען ער קען שוין מנהיג זיין די אברים, און ער קען שוין פאסטן.

ווען ער איז שוין זעקס אדער זיבן, ער איז שוין א שטיקל בעל דעת, זאגט דער רמב"ם **לפי בריאו**. דאס הייסט, עס איז דא אמאל א קינד וואס איז שוין גוט ביי זעקס, און עס איז דא אמאל א קינד וואס איז דארף זיין זיבן אדער אכט. ווען לפי בריאו, בריאו דא מיינט בריאותו, יא, לויט זיין בריאות, זיין פיזישע געזונטקייט פון זיין, יא, לויט די מעטשורעטי.

**מוליכו אצל מלמד התינוקות**

**Speaker 2:** **מוליכו אצל מלמד התינוקות.** סאו דא רעדט שוין דער רמב"ם אזוי פון א ריאליטי, האסטו אזא מוסד וואס הייסט א מלמד תינוקות. זייער גוט, זייער אינטערעסאנט. ער זאגט ס'איז דא א מצוה מיט דינגען, און דא רעדט ער שוין פון די ריעליטי אז אין יעדע אידישע שטאט איז דא, נאך די תקנות יהושע בן גמלא.

**דיון: דער טאטע אדער דער מלמד?**

**Speaker 2:** און לכאורה וואלט אויך נישט עכט געגאנגען דער טאטע זאל זיצן אויסלערנען די גאנצע חומש מיט די יונגל. ער האט דאך עפעס צו טון. ווער איז געווען דער וואס האט געזאגט אז... איך ווייס נישט צו ס'איז אמת געווען, דער טאטע פון די גאון ר' חיים פארשטיין האט געזאגט "וויאזוי האב איך זוכה געווען צו אזא תורה?" אבער מ'מוז זאגן אז ס'איז א זייער קליינע מינאריטעט וואס איז געלונגען, ווייל א טאטע איז געוועהנליך... ס'איז נישטא קיין טאטע וואס איז נישט א תלמיד חכם, און אויך א תלמיד חכם האט די חובות פון זיין אייגענע לערנען. ווי איז דא א טאטע וואס קען זיך נישט עכט פרייעלן?

און ס'איז נישט אזוי. ווען ער איז נאך פיצי, די "תורה צוה לנו משה" איז נישט עפעס וואס מ'טוט א גאנצן טאג. פון צייט צו צייט, ווען דער טאטע שפילט זיך נארמאל מיט די קינד, לערנט ער אנשטאט סתם זינגען פאר אים, זאגט ער אים "תורה צוה". אבער איינמאל דו דארפסט עקשעלי א וועג בשעת אריכות, ער האט זיך נישט צושטעלן, ווייל ער וויל זיך אליין לערנען, וכו'. איך גלייב נישט אז ס'איז אמאל געווען א מציאות וואס ממש דער טאטע איז געווען מיט אים. אפשר האט ער זיך געמאכט יוצא מיט א קנאל, אבער די נארמאלע זאך איז געווען א סתם מלמד וואס דאס איז זיין דזשאב, און נישט דער טאטע וואס האט אויך א דזשאב.

**דיון: די מאמע אדער דער טאטע?**

**Speaker 1:** ס'איז אינטערעסאנט, ער האט פריער געזאגט אז די מאמע האט נישט די חיוב. למשל, פארוואס זאל נישט די מאמע זיין די וואס זאגט "תורה צוה"? איך מיין, און די מאמע איז נישט יוצא די מצוה דא בן הרמב"ם? בדרך כלל טוען עס מער די מאמעס. נאר ער האט געזאגט אז די חיוב, ווען מ'זאגט "תורה צוה" און מ'איז מקיים די מצוה פון "ולמדתם אותם את בניכם", אזוי זעט דא אויס, און די מצוה איז אויף די טאטע. ניין, ס'איז אן ענין. ס'קומט אויס אז ווען און איינער טראכט, זאל די טאטע אדער די מאמע זאגן מיט די קינד "תורה צוה"? קענסטו זאגן אז דער רמב"ם זאגט, דו האסט א חיוב, זי האט נישט קיין חיוב. טו דו די מצוה, פארוואס זאלסטו לאזן דיין ווייב? ס'איז אויך א חשוב'ע זאך, אבער זי טוט עס נישט מקיים צו זיין א מצות עשה, דו ביסט מקיים די מצות עשה.

**Speaker 2:** איך מיין בעיקר אז דער טאטע דארף ארבעטן צו מאכן געלט אז מ'זאל קענען לופטערן דעם מלמד. איך געדענק איך בין געווען אין כולל, איז געווען אזא צייט פונעם יאר, א מאן האט זיך געעצהט מיט איינעם פון די ראשי כולל, און ער האט אים געגעבן דעם בן הרמב"ם פון היינט, און ער האט אים געזאגט "זאג מיט אים 'תורה צוה', דו וועסט מקיים זיין א מצוה". זייער גוט.

**Speaker 1:** איך מיין אז דו האסט פריער געזאגט, איך מיין אז ס'איז א ביסל דזשענדער טעיק, ווייל דו זאגסט אז די מאמע טוט עס מיט אים שוין אלס שליח.

**Speaker 2:** אקעי.

---

### הלכה ד' (המשך): שכר לימוד — תורה שבכתב vs. תורה שבעל פה

#### חיוב הטאטע צו באצאלן א מלמד

**Speaker 2:** יא, זאגט דער רמב"ם ווייטער: **"הואיל ומנהג המדינה ליקח מלמד תינוקות בשכר"**. וואס איז דער מלמד תינוקות? אויב איז... עס איז דא א מנהג המדינה, ווי דער מלמד באקומט בכלל קיין געלט, אינטערעסאנט?

**Speaker 1:** איז דא א מצוה צו טראכטן.

**Speaker 2:** און וויאזוי לעבט ער?

**Speaker 1:** ער זעט ווער?

**Speaker 2:** האט ער אן אנדערע פרנסה?

**Speaker 1:** אדער ער מיינט מיט'ן מלמד.

**Speaker 2:** זייער גוט.

**Speaker 1:** איז דא א פראבלעם, אז בעצם איז דא א סיבה פארוואס מען טאר נישט באקומען קיין געלט, וואס דער רמב"ם גייט שוין זאגן.

**Speaker 2:** און אזוי זאגט דער רמב"ם, הוי, מנהג המדינה לוקח מלמד התינוקות שכר, אז דער מלמד זאל באקומען באצאלט שכר לימוד, **נותן לו שכרו**, ווייל דער טאטע דארף באצאלן, ווייל דאס איז דער מנהג המדינה.

**וחייב ללמדו בשכר**. דער טאטע דארף דינגען א מלמד. ביז ווען דארף דער טאטע ספענדן געלט פאר א מלמד? **עד שיקרא תורה שבכתב כולה.** ביז ער לערנט גאנץ תורה שבכתב. אבער תורה שבעל פה דארף שוין נישט דער טאטע דינגען פאר געלט. ווייל עס איז נישט לכאורה וועגן הלכה ד', אז מען טאר נישט נעמען פאר דעם געלט.

#### דער היתר פון שכר לימוד תורה שבכתב

**Speaker 2:** אבער דא דארף מען וויסן, הלכה למעשה א פאקט פאר דער רמב"ם, איך ווייס נישט דער שולחן ערוך וואס ער זאגט די טעמים פאר דעם מנהג. איך ווייס נישט אזוי, אבער לכאורה די הלכה בלייבט נאך אלץ אמת, אז אויב איינער שיקט א קינד אין א חדר וואו מען לערנט נישט קיין תורה שבכתב, אדער טעמי המקרא נישט ממש א חלק פונעם לימוד, און אויף טעמי המקרא מעג מען נעמען שכר.

סאו אויף טעמי המקרא האסטו נישט קיין פראבלעם, ווייל ווי לאנג מיר לערנען תורה שבכתב, קענסטו זאגן אז די געלט וואס מען גיט פאר דעם מלמד איז שכר בטלה, אויב ער באקומט מער ווי שכר בטלה, די איבעריגע איז פאר לערנען טראפן, פאר לערנען טעמי המקרא. און אזוי קומט אויס אין פירש המשניות, מען האט געזאגט עס איז בעסער צו לערנען צו וויסן די שורש, אבער אזוי זאגט דער רמב"ם די הלכה למעשה.

#### מקום שנהגו ללמוד תורה שבכתב בשכר

**Speaker 2:** יעצט זאגט ער די הלכה, דאס הייסט, יעצט האט ער געזאגט וויאזוי עס גייט דער סדר אין די הלכה. אבער עס זעט אויס, ווי דאס מאכט אויף די חיוב, ווייל דער טאטע קען נישט זאגן, איך וויל מחמיר זיין דעם פון נישט לערנען בשכר, ווייל ביז דעמאלטס האסטו נישט קיין היתר, און ביז דעמאלטס איז דא א היתר פאר דעם מלמד צו נעמען געלט.

נאכדעם, **מקום שנהגו ללמוד**. יעצט גייט ער זאגן די הלכה, ווי ער האט געזאגט די מסקנה פון די הלכה פאר דעם טאטע? ער גייט נעמען די עיקר הלכה. **מקום שנהגו ללמוד תורה שבכתב בשכר, ללמוד וללמד בשכר,** מעג מען לערנען בשכר ווייל ס'איז דא עפעס היתרים. ס'איז דא עפעס היתרים. די גמרא זאגט א מהלך אז מ'קען נעמען שכר בטלה, אדער שכר בטלה אדער שכר פיסוק טעמים, ס'איז דאך דא כמה אופנים אין די גמרא.

מיר ווייסן נישט ווי אזוי די רמב"ם פסק'נט, אבער למאי נפקא מינה הלכה למעשה ווי אזוי די רמב"ם פסק'נט? ס'איז א חילוק תורה שבעל פה. יא?

#### אבער תורה שבעל פה — אסור ללמדה בשכר

**Speaker 1:** יא, אבער תורה שבעל פה, חוץ ללמד בשכר, איז דא א איסור צו לערנען בשכר.

### הלכות תלמוד תורה, פרק א' — הלכה ד' (המשך) און הלכה ה'

#### הלכה ד' (המשך): לערנען תורה בשכר — תורה שבכתב vs. תורה שבעל פה

**Speaker 1:** פארוואס מען לערנט בשכר? ווייל ס'איז דא עפעס א היתר. ס'איז דא עפעס א היתר. די גמרא זאגט א מהלך אז מ'קען נעמען שכר בטלה, אדער שכר פיסוק טעמים, ס'איז דא א מחלוקת אמוראים אין די גמרא, מיר ווייסן נישט וויאזוי דער רמב"ם פסק'נט, אבער למעשה איז די הלכה ווי די רמב"ם פסק'נט, אז ס'איז א חילוק צווישן תורה שבכתב און תורה שבעל פה. יא?

אבער **תורה שבעל פה אסור ללמדה בשכר**, ס'איז דא אן איסור צו לערנען בשכר, **שנאמר "ראה למדתי אתכם חקים ומשפטים כאשר צוני ה' אלקי"**. משה רבינו זאגט צו די אידן, "קוק, איך לערן מיט אייך חוקים ומשפטים די זעלבע וועג ווי דער אייבערשטער האט געלערנט מיט מיר". ללמדך, אז משה רבינו איז דא אזיווי דער ארכיטייפ פון א מלמד, ער איז דער עקזעמפל פון א מלמד. **"מה אני בחנם למדתי, אף אתם בחנם תלמדו לדורות"**. פונקט ווי איך האב געלערנט בחנם, אזוי זאלט איר לערנען בחנם. **"אף אתם כשתלמדו לדורות, בחנם כמו שלמדתם ממני"**. ווען איר וועט לערנען ווייטער, זאלט איר לערנען פון מיר.

#### משה רבינו אלס דער ארכיטייפ פון א מלמד

ס'איז זייער שיין, ס'זעט אויס אזיווי אז ווען א איד לערנט מיט סיי וועם, איז ער אזיווי דער משה רבינו, און דער משה רבינו איז דער קאפי פון דער אייבערשטער, כביכול. ווען דו לערנסט, דארפסטו טראכטן דו גייסט יעצט בדרכי השם, דער אייבערשטער לערנט מיט משה, משה לערנט מיט דיר, און דו לערנסט ווייטער.

דאס שטימט אויך מיט דער לשון "כאשר צוני", וואס מיר האבן געלערנט אין הקדמה אז "מצוה" איז תורה שבעל פה. וועגן דעם זאגט ער, פארדעם איז דאס דוקא נוגע אויף תורה שבעל פה, ווייל "כאשר צוני ה' אלקי". משא"כ די אנדערע תורה שבכתב זאכן האבן די אידן אראפגעשריבן די לשון, און זיי האבן זיך עס אליין גע'חזר'ט, אבער תורה שבעל פה האט משה רבינו געדארפט זיי איבערגיין מיט זיי און עס פעסט לערנען, און דארטן איז ער געווען דער עיקר מלמד, און דאס איז אויף תורה שבעל פה.

#### Digression: פראקטישע אנווענדונג — שטיצן שיעורים

פון דא קומט אן עדות פאר אונזער שיעור, וואס מיר לערנען דא בחנם, ווייל מיר דרייען דא די תורה שבעל פה, און דארט איז דאך די רמב"ם, די עיקר תורה שבעל פה. אבער איך זאג דיר אלעמאל פאר די וואס זאלן שטיצן די שיעורים, דאס מיינט נישט אז מען טאר נישט צאלן געלט מיט לכתחילה צו קומען אויף די ווידעא אדער אויף די אודיא צו אויסהערן, אבער יעדער איינער האט זיך מחייב אויסצולערנען די מצוה פון "ללמד", דאס איז מחייב יעדער איינער. און "ללמד" מיינט אפילו עס קאסט דיר געלט. אמת, עס קאסט דיר נישט, דער מגיד שיעור קאסט דיר נישט, אבער עס קאסט געלט צו קויפן אלע זאכן וואס מען דארף צו קענען לעבן. אזוי אויב איינער שטיצט אויף די שיעור, איז ער מקיים "ללמד" בחנם. נישט ער צאלט פאר די תורה, קיינער צאלט נישט חס ושלום פאר די תורה. נאר דער וואס שטיצט די שיעור, איז ער מקיים די מצוה פון ללמד תורה פאר אנדערע בחנם.

איך מיין אז עס קען זיין אזיווי דער מלמד באקומט באצאלט פאר די טעמי המקרא, קודם כל, עס איז דא דא צייט, רעקארדן, דאונלאודן די שיעורים, אויף יענץ מעג מען דאך באקומען געלט. און אויך, אונז ווארפן דאך אריין אמאל א מעשה'לע, א תורה'לע ווארט, און אויף יענץ מעג מען דאך באקומען באצאלט. אונז באקומען באצאלט נאר אויף די מעשה'לעך. אויב נישט, זאל

מען אונז זאגן. אויב איר האט הנאה פון די שיעור, קענט איר אונז שיקן א לינק, ווייל עס איז דא א וועג צו מאכן אן אפיציעלע סיסטעם פון מאכן אן אדרעס פאר יעדער שיעור, וואס וועט שוין זיין, בעזרת השם, אין די נייע יאר וועט עס ארויסקומען בסדר שוין.

**פריאריטיס — לערנען בשכר איז בעסער ווי גארנישט לערנען**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, אויף תורה שבעל פה טאר מען נישט באקומען באצאלט. זאגט דער רמב"ם, אבער אין ריאליטי, **"לא מצא מי שילמדהו בחנם"** – ער טרעפט נישט ווער ס'זאל אים לערנען בחנם, און די טשענסעס זענען גאנץ הויך אז דאס גייט געשען, ער גייט נישט טרעפן ווער ס'זאל אים לערנען בחנם – **"ילמוד בשכרו"**, זאל ער יא באצאלן, **"שנאמר אמת קנה"**. פאר אמת, תורה ווערט אנגערופן אמת, פאר אמת דארף מען באצאלן געלט.

איך מיין אז דער רמב"ם זאגט דא א מורא'דיגע זאך, אז דו דארפסט וויסן פריאריטיס. ס'איז דא אן ענין אז מ'זאל לערנען בחנם, זייער גוט, אבער דו גייסט זיך שטעלן אויף דעם און פארלירן לכבוד דעם אז דיין זון זאל וואקסן אן עם הארץ? ס'איז אסאך וויכטיגער אז דיין זון זאל יא לערנען ווי אויף מקיים צו זיין די שטיקל הלכה. ס'איז אמת, אבער אז דו טרעפסט נישט, איז נישט קיין תירוץ, דו גייסט נישט ארויסגיין פון די ענין פון נישט לערנען מיט שכר. דאס איז פריאריטיס.

דאס איז נישט נאר אז ער רעדט זיך פאר זיין זון, ער רעדט אויך פאר זיך אליין. אויב ער וויל אליין לערנען, יא, פאר זיך אדער פאר זיין זון, יא. "ילמדהו" מיינט אים, אדער מ'איז מלמד די זון. פון וועם האלט ער אינמיטן רעדן? ער זאגט, יא, יא, אז ווייל עס שטייט "אמת קנה" איז שוין א תירוץ. יעדער איינער וואלט געוואלט האבן זיין חיים משכורת, און ער וואלט געווען מלמד בשכר, און ער וואלט געקענט אלץ ווייטער מלמד זיין בחינם.

**דער רמב"ם אלס בעל השמועה — ער האט עס אליין מקיים געווען**

איז עד כאן האבן מיר געלערנט די עיקר חיוב תלמוד תורה, ווער איז מחויב, און וויפיל מ'איז מחויב צו צאלן דערפאר, און אזוי ווייטער. דרך אגב, ס'איז זייער שיין, ווייל דער רמב"ם איז דער בעל השמועה, און דער רמב"ם אליין האט טאקע קיינמאל נישט גענומען קיין געלט פאר לערנען, און ער זאגט עס אליין אפאר מאל, און אין אבות האט ער א רוח אויף דעם אז דער רמב"ם האט נישט גענומען קיין געלט פאר לערנען, און זיין ברודער ר' דוד האט אים געהאלפן, מפרנס געווען, אדער ער איז געווען א דאקטאר, דער רמב"ם איז געווען זייער שארף אויף דעם. און אויך אין די גמרא זעט מען פארשידענע, יא, אמוראים וואס האבן געארבעט שווער, און די לערנען איז נישט געווען פאר געלט.

אונזער שיעור, אדער די שיעורים וואס זענען פון ר' בתים, זענען אסאך מער מקיים די הלכה ווי די תלמוד תורה'ס און די כוללים. יעדער איינער וואס נעמט כמעט די שיעור, קיינער באקומט נישט קיין געלט, און אונז צאלן מיר די כולל פון יסודות השם, דער איז דאך אפילו מ'איז מקיים די מצוה פון ללמוד בחינם.

יא, ס'איז זייער אינטערעסאנט. ביז יעצט איז געווען די חיוב. יעצט גייט דער רמב"ם לכאורה לערנען פון די חיוב פון די מענטש אליין, נישט פון די "ללמד" וואס פון דעם קומט ארויס אויך תלמידים און אזוי ווייטער. ביז די ענדע פון די פרק איז די עיקר די עצם חיוב תלמוד תורה. אה, ער האט פריער אנגעהויבן מיט די ווער איז פטור, און נאכדעם האט ער געזאגט אביסל פון ווען מ'איז מחויב, אבער יעצט גייט ער אריין מער אין די זאך, וועלכע סארט מענטש.

---

**הלכה ה': כל איש מישראל חייב בתלמוד תורה**

**יעדער איד איז מחויב — אן קיין אויסנאמען**

**כל איש מישראל חייב בתלמוד תורה, בין עני בין עשיר.** ברענגט ער דאס פון א גמרא אז א עני האט געזאגט אז ער האט נישט געקענט לערנען, האט מען אים געזאגט, ביסטו געווען א גרעסערע עני ווי... אדער עני, איז ער געווען א גרויסער עני? אדער הלל? אה, וואס די גמרא זאגט אויף הלל? אז ער איז געשטאנען דארטן אין שניי אויפן דאך?

**בין עשיר, סיי א מענטש וואס איז שלם בגופו, בין בעל יסורים**, וואס דער רמב"ם האט פריער געזאגט אין הלכות דעות, אז ווען א מענטש איז א בעל יסורים איז שווערער פאר אים צו לערנען, אבער נאך אלס דארף ער לערנען, וויפיל ער קען.

**בין בחור**, סיי איינער וואס האט נאכנישט חתונה געהאט, וואס דעמאלטס איז יצרו מתגבר עליו, אדער... אדער סתם אזוי, סיי יונג, סיי אלט, נישט זאגן לאמיר קודם ארבעטן א פאר יאר און מאכן אסאך געלט און נאכדעם ריטייערן און ווערן א תלמיד חכם. א שאלה יעצט בחיוב, א שאלה זאגן גארנישט, **תשש כוחו**, איז ער אויך בחיוב.

דער רמב"ם גייט ווייטער, **אפילו עני המתפרנס מן הצדקה**, אפילו איינער נעבעך וואס איז אן עני, און ער דארף ארומגיין קלאפן אויף טירן פאר געלט. און די גרעסטע חידוש דאגן, איך האב נישט קיין צייט. **אפילו בעל אשה ובנים**, אפילו איינער וואס האט א אשה ובנים... א פאר מיט קינדער וואס האט שוין א עול אויף זיך, וואס דער רמב"ם האט פריער געזאגט, פאר אים איז שווערער צו לערנען. **חייב לקבוע לו זמן לתלמוד תורה ביום ובלילה.**

**דער חילוק צווישן "כל התורה כולה" און "קביעות עתים"**

דאס זעט אויס ווי אפילו אויב דו האסט נישט פריער געווען דער חיוב אז דו דארפסט קענען כל התורה כולה, תורה שבכתב, תורה שבעל פה. סאו דאס קענסטו נישט, אבער האסטו נאך אלץ א חיוב צו לערנען יעדן טאג תורה, ביום ובלילה, **שנאמר והגית בו יומם ולילה.**

דארף יעדער איד איז מחויב, דאס איז דער רמב"ם זאגט א דין פון דאורייתא, א דין פון די הלכה, אז יעדער אינדערפרי און יעדער פארנאכט, איז והגית בו שטייט נישט אין די תורה, שטייט אין ספר יהושע. אבער לערנען א שיעור, אינדערפרי און פארנאכט. והגית, וואס טייטש והגית, טראכטן לערנען. ס'טייטש לערנען בעיון, ס'מיינט נישט זאגן ווערטער, און נישט תפילה.

**Discussion: מ'קען נישט יוצא זיין מיט קריאת שמע אליין**

ס'איז דא א מחלוקת מפרשים אויף והגית בו יומם ולילה. איז א גרויסע מחלוקת, א גרויסע מחלוקת. דער רמב"ם האלט נישט אז מ'קען יוצא זיין מיט קריאת שמע, ערגעץ רעדט דער רמב"ם יא דערפון. ס'איז דא א גמרא דארט אין גמרא מנחות, אבער דער רמב"ם האלט נישט אז מ'קען יוצא זיין מיט קריאת שמע. מיין דעמאלטס איז דאס קריאת שמע, ס'קען יא זיין מיט תפילה, גייען עס זאגן, אז למשל ווען מ'זאגט ובא לציון, זאגט מען דארט פארשידענע פסוקים, וואס שטייט אין רמב"ם, דאס איז בעצם א חיוב, כדי צו זיין מקיים דעם חיוב תלמוד תורה.

פארדעם זאגט מען, נאך ברכת התורה זאגט מען אלו דברים מיט שטיקלעך פסוקים. ווייל מיט דאווענען, ווייל מיט דאוונענען האט מען אריינגעשטעלט שוין שטיקלעך, וואס זענען נאר דא כדי צו זיין מקיים תלמוד תורה. יא, נאר אזוי קען מען יוצא זיין דעם חיוב.

און אביסל אין זינען. ס'איז טאקע, מ'קען זאגן אז דער חלק התפילה וואס מ'דארף דאס מערסטע אין זינען האבן איז דארט אין "והיו הדברים האלה", ווייל אזוי ווי דו זאגסט, דאס האט צו טון מיט לימוד התורה.

**Digression: א מעשה מיט ר' אברהם ראזענבלום**

איך געדענק ביי מיין ראש ישיבה זכרונו לברכה, ר' אברהם ראזענבלום, דער ראש ישיבה אין שער יושר, ס'איז געווען אמאל עפעס א סוגיא וואס האט געהאט צו טון מיט קדשים, און איך האב אריינגעפרעגט ביים שיעור, איך האב עפעס געפרעגט א קשיא, און ער האט מיר אזוי אויסגעלאכט, אנגעהויבן לאכן. ער זאגט מיר, "וואס הייסט? מיר זאגן דאך עס יעדן טאג, 'זבח שלמים', 'זבח שלמים', ס'זאל זיין א זיכערע קיום, 'כל מיכל', וואס דו זאגסט שוין..." אז ער האט מיר געמאכט פילן ווי אזא עילוי, ווי אזא שוטה. עפעס וואס דו זאגסט פאר דרייסיק יאר אין א צו, איך זאג נאך נישט קיין דרייסיק, איך בין געווען פופצן דעמאלטס, פופצן יאר לאנג זאג איך, זאג

איך, זאג איך, און מ'לייגט נישט צו קיין קאפ אז די נכרים האבן נישט געמעגט עסן. אבער דאס האט ער געזאגט.

**וואס מיינט "תמיד" — אייביג אדער בקביעות?**

**"ולמדתם אותם ושמרתם לעשותם" - "ביומם ובלילה".** לכאורה וואלט געמיינט א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט. אבער ס'איז דא "תמיד", ס'איז דא "תמיד" וואס מיינט... איך מיין ווען האבן מיר געהאט אן ענליכע זאך שוין אין רמב"ם? ס'איז דא "תמיד" מיינט...

איך האב געזאגט אז מ'האט גערעדט פאריגע וואך, די זאכן, "והעלית נר תמיד".

ניין, אבער ווי האבן מיר געהאט אין רמב"ם אזא ענין? אה, איך האב אים געזאגט אז ס'איז דא... אה, ער רעדט דארט פון די גלגלים אז זיי גייען תמיד, און אונז זאגן מיר אז די תורה זאגט אז מ'דארף לערנען תורה תמיד.

אקעי, אבער רבותי, ס'איז דא ווען... אפשר קען זיין נישט אין אונזער שיעור, קען זיין עפעס אנדערש וואס איך האב געלערנט, אז ס'איז דא ווען "תמיד" מיינט אייביג, און ס'איז דא בקביעות, יעדן טאג אביסל. ס'איז דא וואס דער רמב"ם לערנט דא אז "בגסותא ביומם ובלילה", איינער וואס האט אמצעים דארף לערנען יומם ולילה. אבער איינער וואס איז נישט, זאל כאטש יעדן טאג אביסל בייטאג און אביסל ביינאכט.

דער רמב"ם זאגט אין פרק ג' אז מ'דארף לערנען דריט פון טאג תורה, אבער דא רעדט ער אז ס'איז א חיוב יעדן טאג און יעדע נאכט צו לערנען אביסל תורה, דאס איז יעדער איד מחויב. איך מיין אז מ'קען צוליגן אז אפילו כולל יונגעלייט זענען מחויב.

איך מיין ער ערלויבט זיך צו טשעפען מיט די כולל יונגעלייט, ווייל זיי הערן ווייניגער אויס די שיעורים, ווייל ס'איז א שיעור פאר בעלי בתים.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, "גדולי חכמי ישראל..."

דער רמב"ם האט געזאגט אז מ'דארף זיך צעטיילן, ער האט דאך דערמאנט אידעלע אידן.

איך בין אבער א גרויסער חסיד פון די הייליגע כולל יונגעלייט וואס לערנען תורה בייטאג און ביינאכט, אשרי חלקם.

---

**הלכה ה' (המשך): גדולי חכמי ישראל — סיפורי צדיקים**

**פארוואס ברענגט דער רמב"ם סיפורי צדיקים?**

דער רמב"ם גייט ווייטער אריין, דאס איז זייער אינטערעסאנט, ס'איז קאנעקטעד מיט וואס מיר האבן גערעדט.

און נאכדעם מ'הייבט אן צו ציילן די מצוה, הייבט ער אן מיט סיפורי צדיקים. מ'זאגט אז אזוי האבן טאקע ערליכע אידן געטון, אז ס'איז נישט קיין הולכה לטמיון קיינמאל, אזוי פירט מען זיך טאקע.

**גדולי חכמי ישראל,** הויעכע מענטשן זענען געווען צווישן זיי וואס זענען געווען, זיי האבן געהאט אלע סארט שווערע ארבעט, **זענען געווען חוטבי עצים, מהם שואבי מים, ומהם...** ווער נאך איז געווען פון די חז"ל? הלל הזקן, הלל הזקן איז געווען א חוטב עצים.

**הלכות תלמוד תורה, פרק א', הלכה ה' (המשך) — גדולי חכמי ישראל וואס האבן שווער געארבעט**

**דער רמב"ם'ס פירוט צדיקים: ביישפילן פון גדולי ישראל**

דער רמב"ם גייט ווייטער אריין, דאס איז ווייטער צו די זעלבע זאך, connected צו וואס מיר האבן גערעדט. דער רמב"ם האט א פלאן וואס ער האט שוין געהאט, אז נאכ'ן פארציילן די מצוה הייבט ער אן בסדר פירוט צדיקים. מ'זאגט אז אזוי האבן טאקע ערליכע אידן געטון, אז ס'איז דא אזא הלכה און קיין מורין כן, אזוי פירט מען זיך טאקע.

**גדולי חכמי ישראל,** אויב מ'וועט קוקן צווישן זיי זענען געווען, **זיי האבן געדארפט ארבעטן שווער, זיי זענען געווען חוטבי עצים, ומהם שואבי מים.** ומהם, ווער איז געווען פון די חז"ל, אה, ס'איז געווען א האלץ האקער? הלל הזקן איז געווען א האלץ האקער. און רבי יוחנן איז געווען, איך ווייס נישט וואס, רבי הונא איז געווען א שואב מים. אה, יא, ס'איז געווען רבי יוחנן איז געווען א נפקיר, און א סנדלר, און רבי יצחק נפחא, און אזוי ווייטער.

**ומהם איז געווען צווישן זיי סומין,** רבא איז געווען א סומא, יא, רב יוסף, נישט רבא, רב יוסף, דער רבי פון רבא, אדער דער חבר פון רבא, א שטיקל רבי. יא, רב יוסף איז געווען דער ממלא מקום נאך רבה, ער איז געווען דער רבי פון אביי און רבא. און ער איז געווען א סומא, יא? **ואף על פי כן היה עוסק בתורה ביום ובלילה.** און נישט סתם ער האט זיך אפגעגעבן לערנען תורה, **והוא בכלל מקבלי השמועה איש מפי איש מפי משה רבינו.**

אין די הקדמה צו דעם ספר האט דער רמב"ם אויסגערעכנט די מקבלי השמועה, זאגט דער רמב"ם, דו זאלסט וויסן אז צווישן די מקבלי השמועה וואס ער האט אויסגערעכנט איז געווען רבא, רב יוסף, און אסאך ווייטער, און א חלק פון זיי וואס דו וואלסט נישט געזאגט אז זיי זענען בכלל תורה, זיי זענען די גרעסטע פון כלל ישראל. און נישט אלע פון זיי זענען געווען נשיאים וואס זענען געזיצן אויף א גאלדענע שטול, נאר זיי האבן געדארפט שווער ארבעטן.

זאלסטו נישט מיינען אז דאס איז א שטארקע זאך צו לערנען אפילו ווען מ'ארבעט, ס'איז אקעי, מ'קען זיין א בעל הבית'ישע שטיקל שיעור. ניין, מ'קען זיין דער גדול מקבלי השמועה.

---

**הלכה ו': עד אימתי חייב ללמוד תורה — עד יום המיתה**

**די חיוב צו לערנען ביז דעם לעצטן טאג**

יעצט, נאך א זאך, **עד אימתי חייב ללמוד תורה?** ביז ווען איז מען מחויב צו לערנען תורה? זאגט דער רמב"ם, **עד יום מותו.** דו פארשטייסט? פון ווען ווייסטו אז דו ביסט פטור? אויב דו פילסט אז דו שטארבסט, זאלסטו וויסן אז דו ביסט שוין יעצט געשטארבן. עד יום מותו, יענע טאג... ער מיינט אז ער וועט דאן פטור זיין? דאס איז משה רבינו, אפילו די טאג וואס ער איז געשטארבן האט ער נאך אריינגעכאפט צו שרייבן די דרייצן ספרי תורה.

ווי דריי? וואס פארשטייט ער? ס'איז נישט נאר א **פן יסורון ויבאו כל ימי חייך.** ס'טייטש אז מעמד הר סיני, ס'טייטש די חזרה פון תורה, זאלסטו אייביג חזר'ן כל ימי חייך.

**דער רמב"ן'ס ביאור: די טבע פון שכחה**

כל זמן, זאגט דער רמב"ן, זייער שיין די ווערטער, **"ולמדתם אותם את בניכם ואת בני בניכם",** וואס איז די אקוסטיק? יא, יא, ער רעדט דא פון חזר'ן לימוד התורה פון קינדער. זאגט דער רמב"ן, דא זאגט ער זייער וויכטיגע ווערטער, פארוואס טאקע? ווייל **כל זמן שלא ישכח מליבו,** די שכחה. ווען ס'איז נישט די טבע וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין אונז שכחה, אז א מענטש קען פארגעסן, וואלט יא, א מענטש זאגט, "איך קען שוין כל התורה כולה", און ער איז געענדיגט. אבער יא, מ'פארגעסט, מוז מען א גאנצע צייט לערנען, מ'דארף אייביג וויסן תורה.

דא איז אויך, ווי אזוי מ'נעמט אים ארויס פון דעם פסוק, **"פן תשכח את הדברים",** ווי אזוי קען זיין כל ימי חייך איז וועגן פן תשכח את הדברים? די סיבה פארוואס כל ימי חייך איז ווייל פן תשכח את הדברים, ווייל דו קענסט פארגעסן. ס'איז דאך מוכרח אז ס'זאל נישט נשתכח מליבו כל ימי חייך, איז די איינציגסטע וועג איז דו וועסט לערנען כל ימי חייך, ס'איז נישטא קיין אנדערע וועג.

און פון דעם איז אויך דא א ראיה לכאורה, אז מ'רעדט נישט דא נאר פון עשרת הדיברות, ווייל עשרת הדיברות קען א מענטש געדענקען. ווען ס'איז דא פן תשכח את הדברים, מוז זיין אז מ'רעדט פון לימוד התורה אין ברייט און אין פארנעם.

דער מחבר פון תורת מנחם האט ער געלערנט אז אפשר האט ער געהאט א מקור פון חז"ל, אבער ווי ס'זעט אויס אין תלמוד תורה, מיינען זיי אז ער האט נישט געהאט א מקור, ס'שטייט שוין פריער דארט, אז דער רמב"ן איז דער מקור פון דער איינער קראכטער. אז מ'זעט אויף די גרויסקייט פון די מצוות תלמוד תורה.

**פראקטישע מוסר: מ'ענדיגט קיינמאל נישט**

נו גוט, דאס איז אויך א וויכטיגע כלל, מענטשן וויסן נישט דאס. מענטשן מיינען אז ער האט געלערנט אלס בחור, אלס יונגערמאן, און ער איז געענדיגט מיט זיין פרשה. כל זמן שלא ישכח, דו ווערסט נישט פארגעסן, איז נישט די אמת. יא, איך קען די מענטשן וואס האבן אביסל געלערנט אלס בחור און אביסל אלס יונגערמאן, זיי זענען מרתח גמור. מ'דארף אייביג לערנען, און פארקערט, אז מ'לערנט אביסל כאפט מען אז דאס וואס מ'האט געלערנט אלס בחור איז ממש גארנישט. מ'פארגעסט, אפשר ס'איז גוט אז מ'פארגעסט עס שוין. לויט די סטאנדארדס אין א ישיבה, שוין, ער האט נישט נאר געקענט די זיבן בלאט בבא בתרא, ער האט געקענט דרייסיג בלאט בבא בתרא. קעגן ווי גרויס תורה איז, וואס איז דאס? פון דעם קען מען זען ווי מ'דארף לערנען די גאנצע תורה. זייער גוט.

---

**הלכה ז'-ח': דער סדר פון לימוד — חלוקה לשלושה חלקים**

**די דריי טיילן פון לימוד**

זאגט דער רמב"ם, ווי אזוי לערנט מען תורה? ס'טייטש, דו האסט דעי פאר שעה ביום ובלילה, וואס טוסטו מיט דעם? זאגט דער רמב"ם, דער סדר איז אזוי, **בחלקה שליש**, יעלה ויבאו, ער זאל עס צוטיילן אין דריי. **שליש בתורה שבכתב**, א דריטל תורה שבכתב, א דריטל תורה שבעל פה. תורה שבעל פה מיינט דער רמב"ם, רייט? די כללי ההלכה, די משניות? עס מיינט נישט גמרא, ווייל די דריטע איז גמרא. אפשר מיינט דער רמב"ם, ער מיינט משניות, רייט? אדער דער רמב"ם, די כללי ההלכה וואס מ'האט מקבל געווען פון משה רבינו. און די דריטע, און נאך א דריטל, און שליש, די לעצטע דריטל...

אה, נאכאמאל, איך זאג אין תורה שבכתב מיינט תורה שבכתב, יא, מקרא, תורה נביאים כתובים. תורה שבעל פה איז נישט אלעס וואס מ'דארף וויסן ביז הלכה. אזוי ווי דער רמב"ם וואלט געזאגט אז מיין ספר משנה תורה איז תורה שבעל פה, אדער משנה. יא, יא.

**וואס מיינט "תלמוד" לויט דעם רמב"ם**

און שליש איז פארשטיין די סוגיא. ער זאגט אזוי: **"יבין וישכיל אחרית דבר מראשיתו"**. פארשטיין אחרית דבר, דער סוף דבר מיינט די הלכה, דער סוף פון די לימוד מראשיתו. וויאזוי ווייסט מען למשל אז אן אתרוג איז א פרי עץ הדר? מיט אלע מיני וועגן וואס די גמרא לערנט עס ארויס. **"ויוציא דבר מדבר וידמה דבר לדבר"**. ארויסלערנען איין זאך פון די אנדערע, און מדמה זיין איין זאך פון די אנדערע. "יוציא דבר מדבר" מיינט ארויסציען, איינס פון כלל ופרט. "וידמה דבר לדבר" מיינט די י"ג מידות שהתורה נדרשת בהן. אפשר **"ידע היאך עיקר המידות"**, ביז ער פארשטייט וואס איז די עיקר המידות. דאס איז אינטערעסאנט. איך מיין די שורש, אזוי ווי דו זאגסט, אזוי ווי שטייט די עיקר אין די הלכה, די כללים וואס מ'האט באקומען, **"היאך יוצא איסור והיתר"**, וויאזוי מאכט מען די מסקנה פון וואס איז אסור והיתר, **"וכיוצא באלו הדברים שלומד מפי השמועה"**. זאכן וואס מ'האט ארויסגעלערנט מפי השמועה.

מפי השמועה מיינט געווען די עיקר תורה שבעל פה. אה, ס'קען זיין אז ער מיינט צו זאגן אז ער מאכט א נייע שאלה, דארף ער וויסן וויאזוי מ'פסק'נט. אויך דאס וואס מ'האט מקבל געווען, די זאכן וואס זענען הלכה למשה מסיני, איך האב געמיינט אז ער מיינט צו זאגן אז דער רמב"ם האט געזאגט אין די הקדמה פון פירוש המשניות, ער האט געלערנט אין די הקדמה פון רמב"ם, אז אפילו די זאכן וואס זענען הלכה למשה מסיני איז אויך דא א ריוח צו זיין סומך. איך האב געמיינט אז ער מיינט צו זאגן אז דער רמב"ם איז דא מפשט אז ס'איז בעסער. ס'מיינט, לויט דעם וואס מ'האט געלערנט, אז יאשמיענו, ער קען מחדש זיין נייע הלכות, ער קען פסק'ענען אין א נייע שאלה.

זייער גוט. **"בענין זה הוא נקרא תלמיד"**, ער ווערט גערופן א תלמיד. זייער אינטערעסאנט. דאס איז וואס די גמרא טוט, אבער דער רמב"ם זאגט אז דאס מעג מען קיינמאל נישט געענדיגט טון. בעצם, וואס איז ר' חיים אדער וואס איז ר' נחום? די ווייטערע רמב"ם'ס, פון בערך די זעלבע סארט לימודים, פון אריינגיין און מאכן חילוקים און מאכן למדנות. פארשטיין למדנות, אבער מיט די תכלית צו וויסן "אחרית דבר מראשיתו". **"טוב אחרית דבר מראשיתו"**.

איך וויל נישט אריינגיין צו סאך אין די "אחרית דבר מראשיתו". די דאזיגע פשט איז אז מ'זאל וויסן די פשוט'ע פשט, אבער איך וויל זען וואס דער רמב"ם זאגט אויף "טוב אחרית דבר". "יגבה וישכיל", דאס איז א לשון הפסוק, "יגבה וישכיל אחרית דבר מראשיתו". ניין, "אחרית דבר מראשיתו" איז די פסוק, דאס שטייט אין קהלת, דו זאגסט נאך פון מיר. ס'איז דאך א פסוק, **"טוב אחרית דבר מראשיתו"**. איך האב געמיינט אז דו זאגסט א פסוק אויף דעם. אזוי ווי אין הלכות מלכים ומלחמות ווייסט מען אויך פון הלכות סודי התורה. זייער אינטערעסאנט.

**דער רמב"ם פאדערט זייער אסאך**

און דער רמב"ם גיבט א דוגמא. אבער ער פאדערט זייער אסאך פון א מענטש. א מענטש דארף קענען "כל התורה כולה", ער דארף קענען אלע הלכות, אבער נישט נאר דאס, נאר ער דארף אויך זיין א גרויסער למדן. זייער גוט, אבער דאס איז א שליש. דאס איז זייער בעיסיק וואס ער זאגט דא. א קליינינקייט, מיר האבן געלערנט פריער אין הלכות דעות אז מ'שלאפט א דריטל פון די טאג. סאו ס'איז זייער אינטערעסאנט אז מיר לערנען זיך אויס צו דריטלען זאכן. בכלל, לויט די מדות המיצועות איז אויך אלעס צוטיילט אין דריי. ס'איז דא איין עקסטרעם, די אנדערע עקסטרעם, און די מיטן-וועג. מער א משל, יא.

דער רמב"ם זאגט ווייטער, **"וכן תיקנו חכמים שתהיה התורה משולשת"**. די תורה איז געווען... "אורייתא תליתאי". דא איז שוין א יסוד אין קבלה, אז מ'זאגט אז די תורה איז משולש. יא, דאס איז די ספירה פון תפארת. אבער יעצט לערנען מיר דעם רמב"ם, נישט קבלה.

**דריי שעה ארבעט, ניין שעה תורה**

אה, וואס טוט זיך טאקע אויב א איד וויל לערנען... ס'איז דא נאך א גאנצע וועלט מיט פנימיות התורה לערנען. מיר גייען באלד זען וואס דער רמב"ם זאגט דערוועגן. מיר גייען באלד ארויסגעפונען דעם ענטפער.

עס איז נישט אזוי שווער. מען קען אין די צייט וואס יעדער איינער פון אונז דרייט זיך ארום, מען קען לערנען גאנצע מקרא און גאנצע משנה, אדער גאנצע חומש און גאנצע תנ"ך, און גאנצע רמב"ם, גאנצע תנ"ך. דאס איז וואס דו רעדסט דאך, אבער ס'איז מעגליך. מ'פארברענגט אזויפיל צייט אויף תלמוד, אבער... על כל פנים, ס'איז אן אלטע טענה פון מהר"ל און אנדערע, אבער ס'איז נישט... יעדער איינער קען נישט לערנען. מען קען מאכן א סדר, ווילסטו מיטהאלטן מיט אונזער שיעור? איך האב צוויי שיעורים, איינס איז אין תנ"ך, יעדן טאג א פרק, און איינס איז א פרק רמב"ם, און אין דריי יאר בערך ענדיגט מען ביידע, מקרא און משנה, און דעמאלטס קען מען צוקומען צו תלמוד.

אשריכם וואס וועלן זיך מכניע זיין אין תלמוד מורות.

ניין, אבער ס'איז אמת, ס'איז אמת, ס'איז נישט אזוי שווער. ס'איז אמת, ס'איז נישט אזוי שווער. א מענטש מאכט זיך א גול, ער וויל ענדיגן תנ"ך, לערנען אביסל לערנען, פרק, ענדיגן, נישט יעדן טאג לערנען מיט אלע מפרשים, פשוט טרייען צו פארשטיין די דזשיסט אוו איט, ווי מ'זאגט, די עיקר, פארשטיין אויבן אויף. יא.

**דער רמב"ם'ס פראקטישע ביישפיל**

דער רמב"ם קומט אריין, כדאי צו זאגן דעם רמב"ם. וויאזוי זאגט דער רמב"ם אזוי: **"הוי בעל אומנות"**, אויב דער מענטש איז איינער וואס ארבעט, אזוי ווי דו האסט פריער געזאגט אז געוועגליכע מענטשן דארפן ארבעטן, דארפן חרוץ פאר עצים לשאוב מים. און וואס זאגט דער רמב"ם? **"הוא עוסק במלאכתו שלוש שעות ביום"**, ער זאל ארבעטן דריי שעה א טאג, **"ובתורה תשע שעות"**. וואס איז דאס? מ'רעדט דאך דא פון א בעל הבית. ער לערנט ניין און ער ארבעט דריי? וויאזוי זאל ער שפייזן די ניין? ער דארף דאך מאכן תורתו קבע ומלאכתו עראי, ער דארף מאכן פון די ניין א דריי, און פון די דריי א ניין.

דער רמב"ם האט דאך נישט געזאגט דאס ווארט "מלאכתו עראי" און "תורתו קבע". ער האט געזאגט "בעל הבית". ער האט גערעדט פון אלע צדיקים, און ער האט געזאגט אז מען דארף זיך אפגעבן פאר תורה. דער רמב"ם האט געזאגט אז מען דארף דריי שעה. איז דריי פון די ניין איז ער יוצא מקרא ומשנה, אבער נישט תלמוד.

**"בשלוש שעות הראשונות קורא בתורה שבכתב, ובשלוש שניות קורא בתורה שבעל פה, ובשלוש אחרונות מתבונן בדעתו להבין דבר מדבר".** דאס הייסט, דו זעסט מען אז ווען ער זאגט תלמוד מיינט ער נישט נאר לערנען די גמרא, נאר נאר טון די ענין.

#### דיסקוסיע: וויאזוי קען מען דריי שעה "מתבונן בדעתו"?

ס'איז דא מפרשים וואס זאגן אז ס'איז אן אנדערע מחלוקת, דער רמב"ם האט אן אנדערע סברא. ס'זעט אויס פאר א מענטש, וויאזוי קען ער דריי שעה טראכטן פון דבר מדבר? אבער אז ער לערנט אנדערע זעקס שעה תורה שבכתב און תורה שבעל פה, האסטו אנדערע דריי שעה וואס צו טראכטן.

ניין, איך מיין אז די דראמאס צו טראכטן.

ניין, איך האב געזאגט, אז מען פירט דעם מוח גענוג מיט אסאך מאטריאל, האסטו וואס צו טראכטן.

ניין, איך האב זיך מתבונן געווען אין דעם עושר, און אין דעם נאך וואס ער וועט לערנען, און ער פרובירט זיך צו פארנעמען מיט זיינע אנדערע משניות, נישט אזוי טראכטן די וועלט אריין.

### הלכות תלמוד תורה, פרק א', הלכה י"א (המשך) — הלכה ט"ו: "וישלש את שנותיו" — ווייטערדיגע ביאורים און די סדר נאכדעם וואס מ'ווערט גרעסער אין חכמה; הלכות ט"ז-י"ז: פרויען לערנען תורה

#### הלכה י"א (המשך): "וישלש את שנותיו" — ווייטערדיגע ביאורים

##### תלמוד אלס התבוננות — ווי קען מען דריי שעה "טראכטן"?

**Speaker 1:** ער איז יוצא מקרא ישנה, אבער נישט יוצא תלמוד. ס'קען זיין אז ער לערנט גמרא, איז ער דאך מקיים תורה שבעל פה. ס'איז דא מפרשים וואס זאגן אז דאס איז אן אנדערע מחלוקת, דער רמב"ם מיט אנדערע.

ס'זעט אויס אויף א מענטש, וויאזוי קען ער דריי שעה טראכטן פון דא און דא? אבער אז ער לערנט אנדערע זעקס שעה תורה שבכתב און תורה שבעל פה, האט ער אנדערע דריי שעה וואס צו טראכטן. נו, איך מיין אז ביי די רמב"ם... נו, באמת, אז מ'פירט די מוח גענוג מיט אסאך מאטעריאל, האסטו וואס צו טראכטן. ער איז זיך מתבונן אין די נושא, און דערנאך איז ער פרובירט צו פארשטיין די משנה, נישט אז ער טראכט אין די וועלט אריין.

##### די נאמבערס פון דריי און זעקס — צי איז עס דווקא?

איך מיין אז די נאמבערס פון דריי און זעקס, דער רמב"ם האט עס אויך געזאגט, ס'איז נישט דווקא אז דער רמב"ם איז רעאליסטיש. ער וויל ארויסברענגען זיין נקודה, אבער... איך ווייס נישט צו דער רמב"ם האט געמיינט עקזעקט דריי שעה... אה, ער גייט זאגן, ער גייט זאגן, ער מיינט יא דא עקזעקט, אבער נאכדעם איז נישט... שפעטער איז נישט עקזעקט. איך זאל אייך זאגן, ער ברענגט פון די גאון מווילנא אז ס'איז עקזעקט. איך זאג נאר אז די משל פון ניין שעה איז נישט רעאליטי, ווייל א נארמאלער מענטש וועט נישט ניין שעה צו לערנען, העלאו?

##### וואס איז כלול אין "תורה שבכתב"?

**Speaker 2:** ניין, דברי קבלה איז דאך נביאים כתובים, איז דאך בכלל תורה שבכתב.

**Speaker 1:** ווען ער זאגט תורה שבכתב, מיינט ער נישט נאר חומש, נאר ער מיינט אויך נביאים כתובים, און די פירושים פון תורה שבכתב, וויאזוי מ'לערנט אפ די פסוקים, איז דאך בכלל תורה שבעל פה.

##### אן אינטערעסאנטער חידוש: פירושי המקרא איז בכלל תורה שבעל פה

דאס הייסט, ווען ער זאגט תורה שבעל פה, מיינט ער נישט נאר להלכה, נאר אלע פירושי המקרא. אזוי קומט אויס. דאס איז אן אינטערעסאנטע חידוש. אז דרשה איז תנ"ך.

דאס הייסט, אין ענין לימוד התורה, אין ענין די תנאי פון לימוד התורה, נישט אין ענין די יסודות. יא, ניין, דער רמב"ם האלט נאך אלץ אז תורה שבעל פה מיינט הלכה למעשה. מיר האבן געלערנט אין די הקדמה, מיר האבן געזען אז ער מאכט א צושטעל, ער ברענגט דאך אז ס'איז דא מדרשים וואס זענען פירוש המקרא, און דער רמב"ם האט עס אויך אריינגעלייגט אין די ליסט פון חיבורי החכמים, ווי בראשית רבה אדער חלקים פון די אנדערע מדרשים. ס'קען זיין אז יא, ער האט געהאלטן אזוי. פארט איז תורה שבעל פה פשט אין פסוקים. איך ווייס נישט.

##### "תלמוד" כולל פרדס (סודות התורה) — קבלה אלס חלק פון תלמוד

**Speaker 2:** אה, יעצט פרעגט ער די דעת קדושים, פארוואס זאגן זיי אז מ'זאל לערנען קבלה? אזוי ווי דער רמב"ם. יא? יא. ווער וויל דאס טענה'ן? יא, יא.

**Speaker 1:** די ענינים פון עיקרון פרדס, דאס האט דער רמב"ם פריער געזאגט אין הלכות יסודי התורה, האט ער געזאגט אז דאס הייסט פרדס, וואס דאס זענען די סודות התורה. אבער וואס וועט ער דארט מאכן? ער וועט דארט מקדיש זיין פאר פרדס.

יא, דער רמב"ם פרעגט, וואס איז דא? ער איז דאך פון די פינף מצוות. די ערשטע פיר פרקים איז דאך תורה. מעשה בראשית און מעשה מרכבה האט דער רמב"ם געזאגט, ער ווערט אנגערופן פרדס, צו וויסן די אייבערשטענס בריאה און וואס טוט זיך אין די עולמות העליונים.

וואס איז לחלקו דעות? בכלל התלמוד איז א חלק פון תלמוד. וואס איז בכלל תלמוד? ווייל עס איז עפעס וואס מ'דארף זיך מתבונן זיין. ס'איז נישט עפעס וואס שטייט ארויסגעשריבן קלאר. איז חכמה ומדע, דאס מוז זיין. אגב, דער רמב"ם אליין האט אריינגעלייגט א חלק פון יענעם זאך בבחינת משנה, אין משנה תורה. דאס איז א קשיא וואס מ'זאל שוין פרעגן דעמאלטס. אבער דער עיקר, ער מיינט צו זאגן אז דאס איז פארט פון תלמוד. סאו, פארט פון די דריי שעה, אדער אפשר דער עיקר פון די דריי שעה דארף מען לערנען קבלה. דער דריטער דריטל, יא.

#### הלכה ט"ו: נאכדעם וואס מ'ווערט גרעסער אין חכמה — טוישט זיך דער סדר

##### דער רמב"ם'ס ווערטער

יעצט זאגט דער רמב"ם, **"אמתי? בתחילת תלמודו של אדם."** ווען א מענטש הייבט אן לערנען. **"אבל כשיגדל בחכמה ולא יצטרך לא ללמוד תורה שבכתב ולא לעסוק תמיד בתורה שבעל פה,"** ווייל ער גייט שוין געדענקען. אז איינער, אז ער זאגט אז ס'דויערט דריי יאר צו לערנען תורה שבכתב, איז אז ער האט שוין געלערנט פאר צוואנציק מאל, געדענקט ער עס שוין. וואס דארף ער זיך מטריח זיין? תורה שבעל פה, ער גייט געדענקען תורה שבעל פה. ער האט אנגעהויבן לערנען מיט די סדר הרמב"ם. קודם גייט ער לערנען איין פרק א טאג, און נאכדעם גייט ער אנהייבן לערנען דריי פרקים א טאג, ווייל ער האט שוין געלערנט אפאר מאל איין פרק א טאג, און ער וועט שוין גיין צו דאס גוט קענען בעל פה.

**"יקרא בעתים מזומנים תורה שבכתב ודברי השמועה כדי שלא ישכח דבר מדברי דיני התורה."** ער לייגט דא אריין די ווארט "דיני התורה". די עיקר התורה מיינט ער, ווי יסודות התורה, אבער ער זאגט אויך תורה שבכתב. אבער דברי השמועה, און דברי השמועה וואס ס'פעלט אויס. ס'קען זיין ער האלט אז נישט אלע משניות דארף מען חזר'ן אייביג, נאר דער וואס ס'פעלט אויס פאר א לימוד, דער רמב"ם האט יא גענומען אלע משניות, יא? עס איז שוין א שכר פאר אלע. דארף נישט גיין אין די חילוקים פון מעשיות פון מעשיות נישט נישט. **ויפנה כל ימיו לתלמוד בלבד לפי רוחב לבו וישוב דעתו,** דעמאלטס האט מען קענען אין אלע איבריגע צייטן מער און מער אוועקגעבן פאר תלמוד, פאר דאס וואס מען לערנט מיט דעם קאפ.

#### דער לאגישער מהלך פון דעם רמב"ם'ס סדר

רייט, גוט. דאס איז אן אינטערעסאנטע סדר וואס דער רמב"ם האט געמאכט, אין די גמרא איז דא א גאנצע דין וויאזוי מען מאכט דעם "וישלש שנותיו". דער רמב"ם האט געמאכט אזוי א לאדזשיקל מהלך, אז קודם נעמט מען ממש כפשוטו דריי שעה דריי שעה, אבער מען דארף זיך ענדיגן אלעס. נאכדעם וואס מ'האט שוין געענדיגט, דעמאלטס טוישט זיך עס די סדר לויט דעם.

#### הלכה ט"ז: אשה שלמדה תורה — יש לה שכר

אה, יעצט גייען מיר לערנען צוריק, אז דאס איז אויך צוריק אביסל מפרש צו זיין וואס מיר האבן געלערנט אז אשה איז פטור פון תורה, און אפשר דא רעדט מען פון די מצוה פון די אשה אליינס, ווייל די פרייטאג'דיגע פרק רעדט נישט פון די לאמדות'ן נאר אליינס צו לערנען.

#### שכר אבער נישט דער זעלבער לעווועל

רייט, גוט. זאגט דער רמב"ם, **"אשה שלמדה תורה יש לה שכר"**. אויב א פרוי לערנט יא תורה, מיר האבן פריער געלערנט אז זי איז נישט מחויב, אבער אויב זי לערנט יא תורה, באקומט זי שכר. יא. דאס וואס דער רמב"ם רעדט דא וועגן שכר, א מענטש וואס טוט א גוטע זאך, טוט ער א דבר חשוב. אבער אייגנטליך איז שכר דא, ס'איז נישט די זעלבע לעוועל ווי שכר ווי איינער וואס איז מצווה ועושה, ווייל זי איז דאך אן אינה מצווה ועושה. איינע סברא איז שכר המצוה בשעת עשייתה, אזוווי די באקאנטע "גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה". איינער וואס דער רבונו של עולם האט אים די מצוה באפוילן, באקומט ער א גרעסערע שכר, אילא פחות ממנו. נו, אז זיי ווילן אונז עפעס זאגן וועגן די שכר, איז נישט אינטערעסאנט. סתם איין נקודה פון דא.

#### הלכה י"ז: צוו חכמים שלא ילמד אדם את בתו תורה

#### דער רמב"ם'ס ווערטער

אין הלכה ו' איז אפשר פאר די היינטיגע צייטן איז דאס היינטיגע פון די שווערסטע, איך רעדט דאך פון די שווערסטע. זאגט דער רמב"ם, **"אף על פי שיש לה שכר"**, אפילו מיר האבן דא געזאגט אז ס'איז א חשוב'ע זאך אז זי לערנט, און זי באקומט אויף דעם שכר, אבער **"צוו חכמים שלא ילמד אדם את בתו תורה"**. די טאטע זאל נישט לערנען. פארוואס? **מפני שרוב הנשים אין דעתן מכוונת להתלמד"**, רוב פרויען איז זייער דעת נישט מכוון, נישט איינגעשטעלט צו זיך גוט אויסלערנען, און די חשש איז, **"והן מוציאין דברי תורה לדברי הבאי, לפי עניות דעתן"**, אבא זאגט אז זיי זענען עניות דעתן, אז זיי האבן נישט קיין ברייטע דעת, און זיי זאלן נישט לערנען די גוטע וועג, און זיי זאלן נוצן די תורה פאר נישט גוטע זאכן, טייטש זאלן עס נישט שלעכט אפלערנען און אזוי ווייטער.

#### דער רמב"ם מיינט דער טאטע זאל נישט לערנען — אבער א פרוי אליין מעג

אבער זעט אויס אז נישט אלע פרויען, דער רמב"ם מיינט א פרוי אליין זאל לערנען, זאל זי אליין טראכטן, אבער וועז א טאטע לערנט נישט אויס, ווייל דער סדר איז אז דער טאטע מיינט חז"ל דער סדר צום לערנען, אבער דא שיקט מען צו א מלמד, און דער סדר גייט נישט אפילו השם, ווייל אביי פערזענליך, ער לערנט עס נישט אזוי גוט, אבער נישט אז מען לערנט די תורה מצד עצמה, אבער בכלל גייט נישט דעם וועג. דאס איז לכאורה אליין די פיטלטערינג סיסטעם, אז דער טאטע לערנט נישט, און דער וואס איז נישט פון די רב, זאל זי שוין אליין לערנען.

**Speaker 2:** יא, פונקטליך. אפשר טאטי דארף דעמאלטס אויסלערנען, דער בעט דעם טאטע, ווייס איך נישט, זי זאל אליין לערנען פון א ספר אדער פון א רב וואס... יא.

#### "תפלות" — וואס מיינט דאס ווארט?

**Speaker 1: אמרו חכמים, כל המלמד את בתו תורה כאילו לומדה תפלות,** אזוי ווי איר האט ארויסגענומען. וואס טייטש פונקטליך דאס ווארט תפלות? נישט אזוי גוטע זאכן. מיינטליך, תפלות מיינט... אין פירוש המשניות טייטש דברי הבאי. אה, עס איז אנשיינט. אבער דער לשון איז תפלות.

#### דער חילוק צווישן תורה שבעל פה און תורה שבכתב ביי פרויען

**מדברי אמירה בתורה שבעל פה, אבער תורה שבכתב, לא ילמדה אותה לכתחילה,** זאל ער אויך נישט לערנען לכתחילה, **אבער אם למדה,** איז נישט קיין שלעכטע זאך, **עס איז נישט כאילו מלמדה תפלות.** אויב זי האט יא געלערנט, איז... דאס הייסט אפילו דער טאטע קען האבן אן אייגענע שיטה, לכתחילה זאל דער טאטע נישט לערנען. אויב לערנט ער יא, זאל ער לערנען תורה שבכתב, נישט תורה שבעל פה.

אבער אויב זי לערנט אליין תורה שבעל פה, יש לה שכר, אבער נישט קיין שכר ווי איינעם וואס איז מצווה ועושה. שטימט? יא.

#### דיסקוסיע: די אחרונים — וואס מיט הלכות וואס זענען נוגע פאר א פרוי?

און די אחרונים רעדן שוין וועגן דעם, וואס טוט זיך מיט די חלק התורה וואס יא נוגע פאר א פרוי, וואס זי האט די מצוות וואס א פרוי איז מחויב, הלכות שבת און אזוי ווייטער.

זיי זאגן א חידוש, אז אויב ווייל רוב הלכות זענען... ווייל דער רמ"א זאגט אז זי איז מחויב, אז די פרוי איז יא מחויב אלעס וואס זי דארף. עס קען זיין דער רמ"א מיינט אויך אז זי דארף נישט קענען די פלפול, זי דארף וויסן די הלכה למעשה.

#### א סברא: ווייל תלמוד מביא לידי מעשה — דארף א פרוי לערנען?

לכאורה איז זי אויך נישט אזוי מחויב, לויט יענע שיטה נישט אזוי מחויב, נאר זי באקומט שכר כשכר אינו מצווה ועושה, ווייל תלמוד מביא לידי מעשה. יא, אבער די סברא איז אייגנטליך אזוי ווי די שיטה, ווייל אונז האבן דאך געלערנט אז אויב מען לערנט נישט... ווייסט מען נישט. נאך וואס דארפסטו א תירוץ אויף יענע קשיא? ווייל מ'זעט אין מסכת סוטה, ס'שטייט דארט מיט די פיר שאלות, און ס'פעלט נישט אויס אז זי זאל וויסן, און נשים זענען פטור. אויב א מענטש איז מחויב צו לערנען, אדער איז א שוגג תלמוד עולה זדון, איז ער מחויב צו לערנען, און אויב ער מאכט א טעות ווייל ער האט נישט געלערנט, איז ער אן עבירה. אבער א פרוי וואס מ'פאדערט איר נישט צו לערנען, און וועז זי מאכט א טעות קען מען שוין קומען צו איר מיט א נחמה. אבער מ'זעט אז די אחרונים האבן יא געטרייט אביסל ממתק זיין און יא האבן געלאזט לערנען מיט פרויען.

#### רוב תורה קען א פרוי לערנען

סאו למשל, דער רמ"א זאגט אז זאכן וואס איז נוגע פאר איר מעג זי לערנען, סאו האסטו שוין רוב תורה קען זי לערנען, און רוב תורה איז נישט מצוות שהזמן גרמא. און די מצוות שהזמן גרמא איז אויך, יא, שבת איז זי מחויב, און יום טוב בשעת'ן ביהמ"ק איז זי מחויב, אלע מצוות... איך מיין, בעיסיקלי אלעס איז זי מחויב, כמעט אין אלעס, חוץ פון... חוץ פון די מצוות שהזמן גרמא.

#### דער חילוק צווישן "זאכן וואס זענען נוגע" און "איר דאמעין"

**Speaker 2:** סאו דו מיינסט צו זאגן אז זי איז מער ווי ער נישט קיין חילוק?

**Speaker 1:** ניין, ניין, הלכות נדה, מליחה, די זאכן... די זאכן וואס זי דארף וויסן פראקטיש, וואס דער מאן ווייסט ווייניגער. די פרוי איז דאך די

וואס נעמט קער פון אירע הלכות נדה, אדער זי נעמט קער...

**Speaker 2:** אבער דו מיינסט נישט צו זאגן זאכן וואס זענען נוגע, דאס איז די פראגע. די זאכן וואס איז איר דאמעין, וואס זי דארף נעמען קער.

**Speaker 1:** דער רמב"ם וואס דו האסט פריער געזאגט, אז די פרוי איז די וואס זאלצט די פלייש אין דער היים, און מ'דארף איר אויסלערנען וויאזוי צו זאלצן פלייש. דאס איז נישט די דינים פון די תורה, דאס איז א הכנה, דאס איז א מעניועל פון וויאזוי מ'מאכט פלייש. אפשר דאס איז דער חילוק. אפשר יענע טייטלען וואס דו האסט געזאגט, אפשר דאס איז דער חילוק. און ס'איז פשוט אז זי דארף וויסן, זי קען דאך נישט פייגערן זייענדיג כשר.

**דיגרעסיע: דער חתם סופר און דער סאטמארער רב — צי קען זיך טוישן די הלכה?**

אבער עניוועי, דאך, דער חתם סופר האט געשריבן אין זיין פתיחה צו גיטין הלכות, אז די הלכה האט זיך געטוישט, און דער סאטמארער רב איז געווען זייער ברוגז אויף דעם, ער זאגט אין זיין ספר ויואל משה, מאמר לשון הקודש, איך געדענק, ער זאגט דארט א מאמר, אז וויאזוי קען זיך טוישן די תורה? אבער ס'איז נישט קיין קשיא אויף די חתם סופר, ווייל דער רמב"ם זאגט דאך "צריך אדם ללמוד מציאות", אז די רב נשים איז אזוי. ס'איז נישט קיין דין, דאס איז נישט קיין דין, דאס איז נישט קיין בית... דער דין איז, דער דין בלייבט דער דין, אז ס'איז איינע מצות עשה שהזמן גרמא, טוישט זיך נישט. אויב איינער זאגט אז היינט זאל מען יא לערנען מיט פרויען, איז נישט פשט אז ער גייט קעגן חז"ל, נאר די פרויען האבן זיך טאקע געטוישט, און אז פרויען זענען סאפיסטיקירטער. אמאל האבן פרויען נישט געקענט קיין ליינען, זיי זענען געווען אנאלפאבעט. אבער למעשה, אז פרויען ליינען, ס'מאכט אסאך סענס אז א פרוי לערנט אלעס, און זי... אפשר לערנען זיי נאך אפילו מער שטערקער ווי די מענער אין א געוויסן זין. נו, אז דער מאן זאגט איר, "דו ווייסט, מיר קענען נישט קיין תוספות'ניק זיין, וואס זי קען יעדע כלי יקר האבן מיט יעדע...

**פרויען לערנען תורה — המשך און סיום**

**הלכה ט"ז: דער טענה אז פרויען האבן זיך געטוישט — קיין סתירה צו חז"ל**

אויב איינער זאגט אז היינט זאל מען יא לערנען מיט פרויען, איז נישט שטייט אז ער גייט קעגן חז"ל, ווייל די פרויען האבן זיך טאקע געטוישט, און א פרוי איז היינט סאפיסטיקירטער.

אמאליגע פרויען האבן נישט געקענט קיין ליינען, זיי זענען געווען אנאלפאבעט, אבער היינט קענען פרויען ליינען. ס'מאכט אסאך סענס אז א פרוי לערנט אלעס, און זייערע לערנען איז נאך אפילו מער שטערקער ווי די מענער אין געוויסע זאכן.

יא, דער מאן וואס קומט אהיים און קען נישט קיין תוספות יום טוב, און זי קען יעדע כלי יקר מיט יעדע מפרש — ס'איז א גרויסע בושה. ס'איז א בושה פאר צוויי מאל.

**צוויי טעמים פארוואס פרויען זאלן לערנען**

קודם כל, אז די מענער זאלן זיך אפלערנען פון די פרויען און אנהייבן לערנען אביסל חומש מיט מפרשים. יא.

אבער אויך איז דא די צוויי ריזענס. איינס וואס דו זאגסט, און די וואס דער חפץ חיים האט געזאגט, איז אז מ'דארף קיינמאל נישט שוקל זיין קעגן די רצון ה'. אבער אויב די אנדערע זייט איז אז זי וועט גיין לערנען אלע מיני שטותים, איז דאך זיכער נישט פשוט אז דער פוסק האט געמיינט אז די פרוי זאל זיין פול די קאפ מיט שטותים פון גאנץ טיקטאק, אבער קיין ווארט תורה וואס איז נישט קיין...

**"נשים חשובות" אין לימוד התורה — אנאלאגיע פון הלכות פסח**

אבער ס'איז אינטערעסאנט, למשל, לגבי, לאמיר זאגן, אין הלכות פסח, "נשים חשובות" — ס'איז דא אנדערע מיני נשים. פארוואס זאל מען נישט זאגן "נשים חשובות" אויך אין ענין לימוד התורה?

**"רוב נשים" — א מציאות'דיגער באגריף וואס טוישט זיך**

איי, ס'איז דא א מדרש. איינער האט מיר געזאגט, "רוב נשים", איינער האט מיר געזאגט, אויב טאר מען וואס איז דעת יחידאה האבן מיר געזאגט. "רוב" מיינט רוב אין זיין צייט. ס'קען ארויפגיין צווישן אלע דורות, און היינט איז עס פון די מיעוט. ס'קען מיט דעם זיין.

איך האב געזאגט דארט, אויב איינער זאגט אז למחר למחרתא וועט זיין אביסל אנדערש, איז דאך נישט קיין סתירה, ווייל ס'איז דא קלאר די הלכה וואס די עת טובה האט ער אונז געזאגט, און די עת טובה קען זיך יא טוישן מיט די מצב, מיט די מציאות אויפן וועלט.

**פערזענלעכע עדות: דער שאץ-ראוואַ'ער רב האט געלערנט גמרא מיט זיין טאכטער**

מיין הייליגער זיידע, דער שאץ-ראוואַ'ער, האט געלערנט מיט זיין טאכטער גמרא. אה, ס'איז שוין.

---

**עד כאן הלכות תלמוד תורה פאר היינט.**